בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת

תש"פ

היכל הקודש

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

*To obtain this and other Breslev publications:*

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Blominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

Find our entire book selection at:
AMAZON.COM
To donate and/or sponsor one of our
books please call: 845-248-1651

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וִוי יוּנְג קֶען מֶען אָנְהוֹיבְּן מִתְפַּלֵל צוּ זַיין פַּאר אַ שִׁידוּךְ? ......................א

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ צוּגֵיין צוּ מַיין חֲתוּנָה מִיט אַ רוּאִיגְקֵייט? .....................ב

מוּז אַ פְּרוֹי גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען? ...........................................ד

וָואס טוּ אִיךְ וֶוען מַיינֶע עֶלְטֶערְן מִישְׁן מִיר אַרַיין אִין זַייעֶר מַחְלוֹקֶת? .....ה

וֶועלְכֶע צָרוֹת הָאט מוֹהֲרָא״שׁ גֶעהַאט? ......................................ו

הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָנְגֶענוּמֶען מַיין תְּשׁוּבָה? .........................ח

וִוי אַזוֹי אַרְבֶּעט מֶען אוֹיף שִׂמְחָה? ........................................י

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאבְּן אַ חֲבוּרַת ״הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ״ אִין מַיין שְׁטָאט? ........יד

וִוי אַזוֹי וֶועט מֶען מִיר אָנְקוּקְן נָאכְ'ן זִיךְ גֶט'ן צְוֵויי מָאל? ...............טז

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

וֶועגְן חֲבֵרִים, אוּן פַאְרשִׁידֶענֶע הֲלָכוֹת. ......................................א

בְּחוּרִים ווִילְן אוֹיסְקוּקְן קִיל .................................................ב

בָּארְגְן פַאר גוֹיִם אוֹיף רִבִּית. ..................................................ג

דֶער וָואס וֶועט גֵיין הַפָּצָה וֶועט אַלְץ הָאבְּן גֶעלְט. .........................ג

נוּץ אוֹיס דַיין כֹּחַ הַנְּגִינָה צוּ מְקָרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער ..................ד

הַפָּצָה אוֹיף אַלֶע סָארְט וֶועגְן. .................................................ה

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק חֲתוּנָה הָאבְּן. ..............ו

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ גֶעפְּרֶעגְלְטְן אִיד. ............................ו

עֶס אִיז נָארְמַאל מוֹרָא צוּ הָאבְּן..........................................ז
נִישְׁט אַרוֹיפְצִיעֶן דִי פְּרַייז פוּן דִירוֹת אִין שְׁטֶעטְל...............................ח
הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם..........................................ט
מַאךְ נִישְׁט קַיין חוֹבוֹת, מַאךְ פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּבּ...............................ט
אָנְצִינְדֶען פַאר דִי קִינְדֶער נָאר עֶרְלִיכֶע טֶעיפְּס...............................י
מִשְׁנַיוֹת רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ.......................................... יא
וֶוען דָאס קִינְד שְׁמֵייכְלְט זִיךְ אוּנְטֶער, מֵיינְט דָאס נִישְׁט חוּצְפָּה..........יב
דִי קִינְדֶער זָאלְן מִיט הַאלְטְן דֶעם שַׁבָּת סִיוּם הַשַ"ס............................ יג
שְׂכַר לִימוּד אִיז נִישְׁט קַיין צְדָקָה, עֶס אִיז אַ חוֹב פַאר עֶלְטֶערְן צוּ צָאלְן.יד
פַארְוָואס גֵייט דִיר אַלֶעס שְׁוֶוער?.......................................... טו
זַיי מְחַזֵק דַיין מַאן עֶר זָאל קוּמֶען צוּ דִי שִׁיעוּרִים............................ טז
נִישְׁט לֵיינֶען קַיין מַאגַאזִינֶען..........................................יז

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**שְׁאֵלָה:**

**ווי יוּנְג קֶען מֶען אָנְהוֹיבְּן מִתְפַּלֵּל צוּ זַיין פַּאר אַ שִׁידוּךְ?**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

די אַלֶע תְּפִלּוֹת וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁרַייבְּט פַּאר בָּחוּרִים צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר אַ שִׁידוּךְ, אוּן אַז "עֶבְּט ווִיל אִיךְ זַיין גוּט, אִיךְ בִּין גְרֵייט חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן, נָאר אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן מַיין שִׁידוּךְ", אִיז דָאס אוֹיךְ פַּאר יוּנְגֶע בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען נָאכְנִישְׁט אִין דִי עֶלְטֶער וָואס מֶען הָאט גֶעוֶוענְלִיךְ חֲתוּנָה? אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט זָאגְן דִי תְּפִלּוֹת, וַוייל לִכְאוֹרָה וֶועל אִיךְ סַיי ווִי נִישְׁט קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן פַּאר דִי אַכְצְן יָאר.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״ב חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף חֲתוּנָה הָאבְּן, אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט נָאךְ אַ יוּנְגֶער בָּחוּר; יֶעדֶע תְּפִילָּה וָואס מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רֶעכְנְט מֶען צוּזַאם בִּיז מֶען בַּאקוּמְט דִי יְשׁוּעָה.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (דְּבָרִים רַבָּה ב, יז) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דְּבָרִים ד, ז): ״כִּי מִי גוֹי גָּדוֹל אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרֹבִים אֵלָיו כַּה׳ אֱלֹקֵינוּ בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדֶע תְּפִילָּה; ״אָמְרוּ רַבָּנָן, יֵשׁ תְּפִלָּה שֶׁנַּעֲנֵית לְאַרְבָּעִים יוֹם״, עֶס אִיז דָא אַמָאל וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס דִי תְּפִילּוֹת אַז מֶען בֶּעט פֶּערְצִיג טֶעג, אַזוֹי ווִי מִיר גֶעפִינֶען בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, ווִי עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים ט, יח): ״וָאֶתְנַפַּל לִפְנֵי ה׳ כָּרִאשֹׁנָה אַרְבָּעִים

יוֹם וגו׳״, עֶר הָאט גֶעדַאוָּוענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פֶערְצִיג טֶעג; ״וְיֵשׁ תְּפִלָּה שֶׁנַּעֲנֵית לְעֶשְׂרִים יוֹם״, עֶס אִיז דָא מָאלְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס דִי תְּפִילוֹת וֶוען מֶען בֶּעט צְוָואנְצִיג טֶעג, אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפוּנֶען בַּיי דָנִיאֵל; אַמָאל וֶוערְט מֶען גֶעהָאלְפְן נָאךְ דְרַיי טֶעג דַאוֶּוענֶען, אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפוּנֶען בַּיי יוֹנָה הַנָּבִיא, אוּן אַמָאל הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער יֶענֶעם טָאג; אָבֶּער יֶעדֶע תְּפִילָּה וֶוערְט אָנְגֶענוּמֶען.

וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעוְוּיסְט וָואס פַאר אַ כֹּחַ תְּפִילָּה הָאט, וָואלְט מֶען נָאר גֶעדַאוֶּוענְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען וָואלְט אַלֶעס בַּאקוּמֶען, אָבֶּער דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט אַז מֶען זָאל הָאבְּן סְפֵיקוֹת אִין תְּפִילָּה, מֶען זָאל טְרַאכְטְן: ׳וֶועט עֶס דֶען קֶענֶען פַּאסִירְן?׳ אַזוֹי וֶוערְט מֶען אָפְּגֶעקִילְט פוּן בֶּעטְן; אָבֶּער וֶוען מֶען וָואלְט גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעמוּטְשֶׁעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואלְט מֶען אַלֶעס גֶע׳פּוֹעֵל׳ט.

מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת בַּיי תְּפִילָּה; וֶוען מֶען בֶּעט אוּן מֶען בֶּעט אוּן מֶען זֶעט נִישְׁט גְלַייךְ וִוי דִי תְּפִילוֹת גֵייעֶן אַרוֹיף, דַארְף מֶען אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוֹיס צוּ וַוארְטְן דִי יְשׁוּעָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן ב): ״וְיֵשׁ מֵעַמֵּנוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל שֶׁטּוֹעִים חַס וְשָׁלוֹם בְּלִבָּם, שֶׁכָּל הַתְּפִילוֹת הֵם לָרִיק״, עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה, זֵיי מֵיינֶען אַז אַלֶע תְּפִילוֹת וָואס מֶען בֶּעט גֵייט צוּ דִי לוּפְט, ״אֲבָל בֶּאֱמֶת אֵינוֹ כֵּן, אֶלָּא סַלְקִינָן וַאֲפִינָן וּבַשְׁלִינָן, הַיְנוּ כָּל הַתְּפִילוֹת סַלְקִינָן וְעוֹלִין״, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, אַלֶע תְּפִילוֹת גֵייעֶן אַרוֹיף אוֹיבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר יֶעדֶע זַאךְ הָאט אַ פְּרַייז וִויפִיל תְּפִילוֹת מֶען דַארְף מַאכְן פַאר דֶעם בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ דִי יְשׁוּעָה, וִוי דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט אוֹיס דֶעם מַאֲמַר פוּן רַבָּה בַּר בַּר חָנָה (בָּבָא בַּתְרָא עג): ״וְכַד חַם גַּבֵּיהּ אִתְהַפֵּיךְ״, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת זֶעט מֶען אַז אַלֶע תְּפִילוֹת וָואס מֶען הָאט גֶעמֵיינְט אַז דָאס אִיז ״סַבְרִינָן יַבֶּשְׁתָּא הוּא״ - אוֹיסְגֶעטְרִיקֶנְט, עֶס גֵייט נִישְׁט אַרוֹיף, דֶעמָאלְט זֶעט מֶען, ״וְסַלְקִינָן וְאָפִינָן וּבַשְׁלִינָן אַגַּבֵּיהּ״, אַז דָאס גֵייט יָא אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל אוּן עֶס בְּרֶענְגְט רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ צוּגֵיין צוּ מַיין חֲתוּנָּה מִיט אַ רוּאִיגְקֵייט?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, נִיגוּנִים, אוּן חִיזוּק, וָואס אִיז מִיר אַזוֹי שֵׁיין מַדְרִיךְ אוֹיפְ'ן טָאג
~~~~~~~~~~~

טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן.

אִיךְ בִּין בָּרוּךְ ה' אַ חָתָן גֶעוָוארְן, דִי חֲתוּנָה אִיז אִין עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים, אָבֶער וִוי נֶענְטֶער עֶס וֶוערְט צוּ דִי חֲתוּנָה וֶוער אִיךְ מֶער נֶערְוֶועז אוּן דֶערְשְׁרָאקְן, אֶפְשָׁר אִיז דָאס נִישְׁט מַיין רִיכְטִיגֶע שִׁידוּךְ? אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְקוּמֶען מִיט אִיר? דִי כַּלָּה אִיז נִישְׁט אַזוֹי שֵׁיין, ווי אַזוֹי וֶועט זִי מִיר הֶעלְפְן זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן? אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בִּין אִיךְ פוּל מִיט בִּלְבּוּלִים אוּן פְּחָדִים. אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה פַאר מִיר ווי אַזוֹי אִיךְ זָאל קֶענֶען צוּגֵיין צוּ דִי חוּפָּה פְרֵיילִיכְעֶרְהֵייט.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ז חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט גֶעטְרָאפְן דַיין שִׁידוּךְ אוּן דוּ בִּיסְט שׁוֹין גְרֵייט צוּם חוּפָּה גֵיין; לָאז אָפּ דִי נַארִישֶׁע מַחְשָׁבוֹת וָואס בּוּזְשֶׁעוֶוען אִין קָאפּ: ׳אוֹיבּ דָאס אִיז טַאקֶע דַיין בַּאשֶׁערְטֶע׳, דָאס אִיז אַלֶעס עֲצַת הַיֵּצֶר הָרָע וָואס פַארְגִינְט נִישְׁט אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן אָדָם הַשָּׁלֵם, דוּ גֵייסְט אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן בִּקְדוּשָּׁה וּבְטַהֲרָה.

בְּנוֹגֵעַ דַיין פַּחַד אוֹיבּ דוּ וֶועסְט קֶענֶען לֶעבְּן מִיט אִיר בְּשָׁלוֹם וְכוּ׳; דָאס וֶוענְדְט זִיךְ נָאר אִין דִיר, אַז דוּ וֶועסְט זַיין אַ וַתְּרָן, דוּ וֶועסְט נִישְׁט זוּכְן אוֹיסְצוּפִירְן וֶועסְטוּ הָאבְּן שְׁלוֹם בַּיִת, נֶעם זִיךְ פָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט זוּכְן אוֹיסְצוּפִירְן וֶועט דִיר גוּט זַיין. עֶס אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ וֶוען דִי וַוייבּ אִיז גֶערֶעכְט, מֶען וֶוערְט נִישְׁט קְלֶענֶער וֶוען זִי אִיז גֶערֶעכְט.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זַיין אַ גֶעבִּיגֶער; זָאלְסְט נִישְׁט זַיין אַ קַמְצָן, סַיי מִיט גֶעלְט אוּן סַיי מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער, זָאלְסְט אִיר שְׁטֶענְדִיג גֶעבְּן גֶעלְט אוּן אִיר בַּאגִיסְן מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער.

בְּנוֹגֵעַ שְׁמִירַת עֵינַיִם וְכוּ׳; נָאךְ דִי חֲתוּנָה דַארְף מֶען וַוייטֶער אַרְבֶּעטְן אוֹיף שְׁמִירַת עֵינַיִם. עֶס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז אֵיינְמָאל מֶען הָאט חֲתוּנָה הָאט מֶען מֶער נִישְׁט קַיין נִסְיוֹנוֹת, מֶען הָאט וַוייטֶער דִי זֶעלְבֶּע נִסְיוֹנוֹת נָאךְ דִי חֲתוּנָה, נָאר עֶס אִיז גְרִינְגֶער זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט אַ וַוייבּ, אָבֶער מֶען דַארְף זִיךְ וַוייטֶער הִיטְן דִי מַחְשָׁבָה אוּן דִי אוֹיגְן. מֶען דַארְף וַוייטֶער שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״׳הַעֲבֵר עֵינַי מֵרְאוֹת שָׁוְא׳, הִיט מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְשְׁוַוארְצְט וֶוערְן בָּזֶה וּבַבָּא״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן.

...

~~~~~~~~~~

## מוּז אַ פְרוֹי גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶונֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מִיר אַזוֹי מְחַזֵק, וּבִפְרַט פַאר דִי שִׁיעוּרִים פַאר פְרוֹיעֶן וָואס הֶעלְפְן מִיר אַזוֹיפִיל אִין לֶעבְּן, קֵיינֶער אִין דֶעם דוֹר גֶעבְּט נִישְׁט אַזֶעלְכֶע שִׁיעוּרִים וָואס לֶערְנֶען אוֹיס וִוי אַזוֹי זִיךְ פִירְן אִינֶעם פַאקְטִישְׁן לֶעבְּן יֶעדְן טָאג.

אִיךְ בִּין אַ יוּנְגֶע פְרוֹי, אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט קֵיין קִינְדֶער, דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ אוֹיבּ אִיךְ זָאל עֶנְדֶערְשׁ גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶונֶען אוּן מִתְפַּלֵל זַיין, אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן אִינְדֶערְהֵיים. פוּן אֵיין זַייט קֶען אִיךְ טַאקֶע גֵיין אִין שׁוּל, אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט קֵיין קִינְדֶער זִיךְ צוּ דַארְפְן אָפְּגֶעבְּן מִיט זֵיי, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט שְׁפִּיר אִיךְ זִיךְ נִישְׁט בַּאקְוֶועם צוּ ווַיינֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין שׁוּל צְווִישְׁן פְרוֹיעֶן, וֶוען מֶען וֶועט קוּקְן אוֹיף מִיר אוּן זֶען וִוי אִיךְ וַויין.

יְיַשֶׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ז חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז אִיר זֶענְט נִישְׁט בַּאקְוֶועם צוּ דַאוֶונֶען אִין שׁוּל קֶענְט אִיר דַאוֶונֶען אִין שְׁטוּבּ; וֶוען אִיר הָאט צַייט זָאלְט אִיר שְׁמוּעֶסְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן וָואס אִיר דַארְפְט. דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִילָה וֶוערְט גֶעשְׁטַארְקְט דִי אֱמוּנָה; מֶען הֵייבְּט אָן לֶעבְּן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז עֶס גֵייט שׁוֹין נִישְׁט אָן וָואס מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן אוּן רֶעדְן וְכוּ׳.

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף צוּקוּמֶען צוּ אַזַא מַדְרֵיגָה, צוּ לֶעבְּן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶס זָאל אִים נִישְׁט אָנְגֵיין וָואס אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זָאגְן אוּן טְרַאכְטְן אוֹיף אִים. וַוייל וֶוען מֶען אִיז אַ נִצְרָךְ לַבְּרִיוֹת - מֶען רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז אַ צְוֵוייטֶער קֶען הֶעלְפְן אָדֶער שְׁלֶעכְטְס טוּן, דֶעמָאלְט זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרָכוֹת ו:): ״כֵּיוָן שֶׁנִּצְטָרֵךְ אָדָם לַבְּרִיּוֹת פָּנָיו מִשְׁתַּנּוֹת כִּכְרוּם״, דַארְף מֶען זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְן מִיט אַנְדֶערֶע קָאלִירְן, מֶען קֶען נִישְׁט דַאוֶונֶען צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן וַוייל מֶען טְרַאכְט אַ גַאנְצְן צַייט: ׳אֶפְשָׁר וֶועט אֵיינֶער קוּקְן וִוי אַזוֹי אִיךְ דַאוֶון?׳ ׳אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ הָאבְּן כָּבוֹד?׳ ׳אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ קְרִיגְן גֶעלְט?׳ דֶעמָאלְט זָאגְט
~~~~~~~~~~

דֶער רֶבִּי בְּפֵירוּשׁ (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סו): "כִּי מִי שֶׁהוּא נִצְרָךְ לַבְּרִיּוֹת", וֶוער עֶס טְרַאכְט פוּן מֶענְטְשְׁן, עֶר מֵיינְט אַז מֶענְטְשְׁן קֶענֶען אִים הֶעלְפְן, "קָשֶׁה לוֹ מְאֹד לְהִתְפַּלֵּל בְּרַבִּים", פַאר אִים אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ דַאוֶוענֶען צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן, "וְטוֹב וְנוֹחַ לוֹ לְהִתְפַּלֵּל בְּיָחִיד", אַזַא אֵיינֶער אִיז בֶּעסֶער עֶר זָאל דַאוֶוענֶען פְּרִיוַואט.

אַז אִיר וֶועט אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אִיר אָנְהֵייבְּן זֶען אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; אִיר וֶועט אָנְהֵייבְּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט וֶועט אֵייךְ שׁוֹין נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין קַיין שׁוּם זַאךְ. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "מִי שֶׁאֵינוֹ נִצְרָךְ לַבְּרִיּוֹת, שֶׁאֵינוֹ צָרִיךְ לָהֶם לְשׁוּם דָּבָר", וֶוער עֶס טְרַאכְט נִישְׁט פוּן מֶענְטְשְׁן, עֶר אִיז נִישְׁט אָנְגֶעהָאנְגֶען אוֹיף קֵיינֶעם, "יוּכַל לַעֲמֹד בֵּין אֲלָפִים אֲנָשִׁים לְהִתְפַּלֵּל בֶּאֱמֶת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לְבַדּוֹ", דֶער קֶען דַאוֶוענֶען צְוִוישְׁן טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן אוּן דַאוֶוענֶען נָאר פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס, "מֵאַחַר שֶׁאֵין נִצְרָךְ לְשׁוּם בְּרִיָּה - לֹא לְפַרְנָסָה, וְלֹא לְכָבוֹד, וְלֹא לְשׁוּם דָּבָר, רַק 'שִׂבְרוֹ עַל ה' אֱלֹקָיו'", ווייל עֶר דַארְף נִישְׁט קֵיינֶעם, עֶר דַארְף נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם פַּרְנָסָה, עֶר דַארְף נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם קַיין כָּבוֹד עֶר דַארְף גָארְנִישְׁט, עֶר דַארְף נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

## וָואס טוּ אִיךְ וֶוען מַיינֶע עֶלְטֶערְן מִישְׁן מִיר אַרַיין אִין זֵייעֶר מַחְלוֹקֶת?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וויל זִיךְ קוֹדֶם בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי מוֹרָא'דִיגֶע שִׁיעוּרִים וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט יֶעדְן טָאג, עֶס גֶעבְּט מִיר חַיּוּת אָנְצוּגֵיין. סְפֶּעצִיעֶל דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ טוּן יֶעדְן טָאג, אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעהַאט בָּרוּךְ ה' אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה, אִיךְ שְׁרַייבּ עֶס אַרָאפּ אוּן וֶוען אִיךְ בִּין אַבִּיסְל צֶעבְּרָאכְן לֵיין אִיךְ עֶס אוּן דָאס גֶעבְּט מִיר אַסַאךְ חִיזּוּק. אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ.

אִיךְ בִּין אַ נַיינְצֶן יֶעריגֶע מֵיידְל פוּן אַ שְׁוֶוערֶע שְׁטוּב, מַיינֶע עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ אַסַאךְ, אוֹיךְ אִין פָּארְנְט פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן אַסַאךְ מָאל אִיז עֶס מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּצוּקוּקְן. זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל מַאכְט זִיךְ אַז אֵיינֶע פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן מִיר אַרַיינְמִישְׁן אִין דִי מַחְלוֹקֶת אוּן מִיר הֵייסְן זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר זֵיי אוּן רֶעדְן קֶעגְן דֶעם אַנְדֶערְן. אִיךְ ווייס אַז אִיךְ טָאר דָאס נִישְׁט טוּן, אָבֶּער וָואס זָאל אִיךְ יָא טוּן אִין אַזַא צַייט?

אַוֶועקְגֵיין פוּן שְׁטוּב אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה פַאר מִיר, ווייל בַּיי מַיין בַּאבֶּע אוּן זֵיידֶע אִיז נָאךְ עֶרְגֶער. הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א עֶפֶּעס אַן עֵצָה פַאר מִיר? דָאס אִיז מִיר נוֹגֵעַ כִּמְעַט יֶעדְן טָאג.
~~~~~~~~~~~

אַ גְרוֹיסְן יְיִשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ח חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**... תִּחְיֶ'.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן** (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה ג.) **מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר: "עַד הֵיכָן הוּא כִּיבּוּד אָב וָאֵם?" בִּיז וִויפִיל אִיז אַ מֶענְטְשׁ מְחוּיָב צוּ מְכַבֵּד זַיין זַיינֶע עֶלְטֶערְן, הָאט רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וְלִי אַתֶּם שׁוֹאֲלִין?!" וָואס פְרֶעגְט אִיר מִיר, "לְכוּ שַׁאֲלוּ לְדָמָה בֶּן נְתִינָה", גֵייטְס פְרֶעגְן דָמָה בֶּן נְתִינָה. "רֹאשׁ פְּטַרְבּוּלֵי הָיָה", עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי גְרֶעסְטֶע גֶענֶעַראלְן אִין דִי מִילִיטֶער, "פַּעַם אַחַת הָיְתָה אִמּוֹ מְסַטַּרְתּוֹ", אֵיינְמָאל הָאט אִים זַיין מַאמֶע גֶעשְׁלָאגְן מִיט אַ שִׁיךְ, "בִּפְנֵי כָּל בּוּלֵי שֶׁלּוֹ", פַאר אַלֶע סָאלְדַאטְן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אוּנְטֶער אִים, ""וְנָפַל קוֹרְדְקוֹן שֶׁלָּהּ מִיָּדָהּ"", אוּן דִי שִׁיךְ אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן פוּן אִירֶע הֶענְט, ""וְהוֹשִׁיט לָהּ שֶׁלֹּא תִּצְטַעֵר", הָאט עֶר זִיךְ אַרָאפּ גֶעבּוֹיגְן אוֹיפְצוּהוֹיבְּן דִי שִׁיךְ אוּן דָאס גֶעגֶעבְּן פַאר זַיין מַאמֶע אַז זִי זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן אַרָאפּ בֵּייגְן אוּן זִיךְ מְצַעֵר זַיין.**

**אִין דֶעם זְכוּת וָואס אִיר וֶועט מְכַבֵּד זַיין אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אִיר וֶועט זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן וֶוען זֵיי קְרִיגְן זִיךְ, אִיר וֶועט זֵיי בֵּיידֶע מְכַבֵּד זַיין - וֶועט אִיר טְרֶעפְן בְּקָרוֹב אַייעֶר זִיווּג.**

**אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה וָואס אִיר זָאלְט בֶּעטְן וֶוען מֶען וִויל אַייךְ אַרַיין שְׁלֶעפְּן אִין אַ קְרִיגֶעַריי: "הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן נִישְׁט צוּ מְזַלְזֵל זַיין אִין דִי כָּבוֹד פוּן מַיין טַאטֶע מַאמֶע; הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת וָואס אִיךְ בִּין זֵיי מְכַבֵּד אוּן אִיךְ בִּין נִישְׁט מְזַלְזֵל אִין זֵיי, אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ אַ עֶרְלִיכֶע גוּטֶע חָתָן, אוּן צוּזַאמֶען בּוֹיעֶן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ".**

**דָאס זָאלְט אִיר שְׁטֶענְדִיג בֶּעטְן שְׁטִילֶערְהֵייט.**

...

~~~~~~~~~~~

**וֶועלְכֶע צָרוֹת הָאט מוֹהֲרַא"שׁ גֶעהַאט?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיִשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק וָואס אִיר גֶעבְּט מִיר.
~~~~~~~~~~~

מוֹהַרְא"ש שְׁרַייבְּט אִין זַיין צַוָואָה אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין גוּטֶע טָאג אִין זַיין לֶעבְּן. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען מוֹהַרְא"שְ'ס צָרוֹת אַז עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי אוֹיסְגֶעדְרוּקְט?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ח חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נִישְׁט אַלֶעס קֶען מֶען שְׁרַייבְּן, אָבֶער אַז מוֹהַרְא"ש שְׁרַייבְּט אַזוֹי אִין זַיין צַוָואָה, אוּן עֶר הָאט גֶעהֵייסְן אוֹיפְשְׁרַייבְּן אוֹיף זַיין מַצֵּבָה דִי וֶוערְטֶער: "וְסָבַל יִסּוּרִים קָשִׁים וּמָרִים כָּל יְמֵי חַיָּיו", - עֶר הָאט גֶעלִיטְן שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע יִסּוּרִים זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, - אִיז דָאס פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ; וָואס אִיז דֶער נַפְקָא מִינָהּ וָואס, וֶוען אוּן וואו, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ לֶערְנֶען פוּן אַזַא צַדִיק וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן. מוֹהַרְא"ש מִיט אַלֶע זַיינֶע בִּיטֶערֶע צָרוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, הָאט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט זֶען אוֹיף אִים קַיין שׁוּם סִימָן פוּן יִסּוּרִים, אַדְּרַבָּה, מוֹהַרְא"ש הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעהַאט אַ פָּנִים מְאִירוֹת, אַ פְרֵיילִיכֶע לִיכְטִיגֶע פָּנִים. מֶען הָאט גֶעקֶענְט זֶען אוֹיף זַיין פָּנִים אַן עֶכְטֶע פְרֵיילִיכְקֵייט, אַ בִּיטוּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מִיר דַארְפְן זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן מוֹהַרְא"ש וִוי עֶר הָאט נָאר גֶעזוּכְט וִוי אַזוֹי פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן אַנְדֶערֶע.

מוֹהַרְא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט דֶעם סִיפּוּר הִתְקָרְבוּת פוּן רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער (הֵיילְפְּרִין) וִוי אַזוֹי עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן; אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן אִין שֵׁמוֹת אַ בְּרִיוו, עֶר לֵיינְט אִינֶעם בְּרִיוו וִוי אֵיינֶער אִיז מְחַזֵק זַיין זוּן מִיט שְׁטַארְקֶע חִיזוּק, אוּן עֶר עֶנְדִיגְט דֶעם בְּרִיוו מִיט דֶעם לָשׁוֹן: "אִיךְ קֶען נִישְׁט מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ שְׁרַייבְּן וַוייל דִי פָּאלִיצֵיי וַוארְט אוֹיף מִיר, מִיר צוּ נֶעמֶען אִין תְּפִיסָה וְכוּ'", דֶער רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין וִוי קֶען זַיין אַ אִיד וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער אַזַא שְׁוֶוערֶע צָרָה, מֶען גֵייט אִים אַיינְשְׁפַּארְן אִין תְּפִיסָה - דָאךְ הָאט עֶר אַזַא יִשּׁוּב הַדַּעַת צוּ קֶענֶען שְׁרַייבְּן אַזֶאלְכֶע שֵׁיינֶע חִיזוּקִים, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'אַ אִיד וָואס דִי פָּאלִיצֵיי שְׁטֵייעֶן בַּיי זַיין שְׁטוּבּ אוּן מֶען גֵייט אִים טְרָאגְן אִין תְּפִיסָה, קֶען נָאךְ מְחַזֵק זַיין אַ צְוֵוייטְן?! אִיךְ מוּז וִויסְן וֶוער דָאס אִיז'.

עֶר אִיז נָאכְגֶעגַאנְגֶען אוּן זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט וֶוער עֶס הָאט גֶעשְׁרִיבְּן דֶעם סֵפֶר 'עֲלִים לִתְרוּפָה', הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט אַרַיינְקוּקְן אִין דֶעם סֵפֶר וַוייל דָאס הָאט גֶעשְׁרִיבְּן רֶבִּי נָתָן פוּן בְּרֶסְלֶב. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעהֶערְט וָואס

דִי מִתְנַגְדִים זָאגְן, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר מְקוּרָב גֶעוָוארְן, בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן פוּן דִי גְרוֹיסֶע לַייט אִין בְּרֶסְלֶב.

בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אִיז פִיל מֶער פוּן דֶעם; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהַאט נָאר צָרוֹת אוּן מִיט דֶעם הָאט עֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען יֶעדְן אֵיינֶעם. וֶוען מֶען הָאט גֶעזֶען מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט חָלוֹמ'ן וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער, (אִיךְ אַלֵיינְס אַפָּאר יָאר נָאךְ מַיין הִתְקַרְבוּת הָאבּ נִישְׁט גֶעוְוּיסְט בִּכְלָל אַז מוֹהֲרָא"שׁ הָאט עֶפֶּעס צָרוֹת וְכוּ'). דָאס דַארְפְן מִיר זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן אַזַא גְרוֹיסֶער צַדִיק, אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַאלְן וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע טֶעג, מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן אוּן הָאבְּן קַשְׁיוֹת חַס וְשָׁלוֹם אוֹיף דִי אֱמוּנָה, נָאר וַוייטֶער גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין גֶעטְרֵיי צוּ אִים, אוּן זוּכְן וִוי מֶען קֶען הֶעלְפְן נָאךְ אַ אִיד אוּן נָאךְ אַ אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר אַלֶע זָאלְן גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק, וֶועלְן מִיר אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן צַדִיקִים.

...

~~~~~~~~~~

## הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָנְגֶענוּמֶען מַיין תְּשׁוּבָה?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אֶת חֲטָאַי אֲנִי מַזְכִּיר הַיּוֹם, פַאר אַסַאךְ יָארְן בִּין אִיךְ לֵיידֶער גֶעוֶוען אַיינְגֶעטוּנְקֶען אִין עֲבֵירוֹת, בִּיז דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם זוּמֶער וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער אַזוֹי אָנְגֵיין, אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן רִיכְטִיג, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זִיךְ אֵיין טָאג צֶעבְּרָאכְן אוּן אַלֶעס דֶערְצֵיילְט פַאר מַיין ווַייבּ, אוּן זִי הָאט מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, אוּן פוּן דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ זִינְדִיגְן.

מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט מְקַבֵּל מַיין תְּשׁוּבָה, וַוייל עֶס זֶעט מִיר אוֹיס וִוי עֶר צֶעשְׁטֶערְט מִיר מַמָּשׁ יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ וִויל טוּן, לְמָשָׁל אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ גֵיי בַּאקוּמֶען אַ פָּאסְטְן אַלְס מְלַמֵד אִין אַ פְּלַאץ וָואס מֶען צָאלְט מֶער פוּן וָואס אִיךְ פַארְדִין הַיינְט, אוּן מֶען הָאט מִיר לְמַעֲשֶׂה נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען, אָדֶער לְמָשָׁל פַאר סוּכּוֹת הָאבּ אִיךְ דָאס יָאר צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אַרוֹיסְגֶעבּוֹיעֶט מַיין פֶּארְטְשׁ צוּ קֶענֶען הָאבְּן אַ רַחֲבוּת'דִיגֶע סוּכָּה, אוּן פְּלוּצְלִינְג בִּין אִיךְ זֵייעֶר פַארְקִילְט גֶעוָוארְן אוּן נִישְׁט גֶעקֶענְט הַנָאָה הָאבְּן פוּן דִי סוּכָּה, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל מִיר צֶעשְׁטֶערְן דֶעם יוֹם טוֹב.

אִיךְ ווִיל זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן וַוייטֶער גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נִישְׁט צוּרִיק פַאלְן צוּ מַיינֶע עֲבֵירוֹת, בִּיטֶע הֶעלְפְט מִיר אוּן זַייט מִיר מְחַזֵק.

יְיַשֵׁר כֹּחַ
~~~~~~~~~~

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ח חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרַט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

וואוּיל אִיז דִיר אוּן וואוּיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ הָאסְט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, דוּ הָאסְט אָפְּגֶעוַואשְׁן אַלֶע דַיינֶע חֲטָאִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסִיקְתָּא דְרַב כַּהֲנָא): "גָּדוֹל כּוֹחָהּ שֶׁל תְּשׁוּבָה", תְּשׁוּבָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, "שֶׁכֵּיוָן שֶׁאָדָם מְהַרְהֵר בְּלִבּוֹ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", אַז וִוי נָאר אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט פוּן תְּשׁוּבָה - עֶר טְרַאכְט 'אִיךְ וִויל זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן', "מִיָּד הִיא עוֹלָה לֹא עַד עֲשָׂרָה יָמִים, וְלֹא עַד עֶשְׂרִים וְלֹא עַד מֵאָה, אֶלָּא עַד מַהֲלַךְ חֲמֵשׁ מֵאוֹת שָׁנִים; וְלֹא עַד רָקִיעַ רִאשׁוֹן וְשֵׁנִי, אֶלָּא שֶׁהִיא עוֹמֶדֶת לִפְנֵי כִּסֵּא הַכָּבוֹד", קוּמְט עֶר גְלַייךְ אָן צוּם כִּסֵּא הַכָּבוֹד.

אַ אִיד טָאר נִישְׁט זָאגְן אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער וִוי דוּ שְׁרַייבְּסְט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צֶעשְׁטֶערְט מִיר יֶעדֶע זַאךְ", אָדֶער: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צֶעשְׁטֶערְט מַיין יוֹם טוֹב"; זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף וָואס אִיךְ זָאג דִיר דָאס, אַ אִיד טָאר אַזוֹי נִישְׁט רֶעדְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט אוּן טוּט נָאר גוּטְס מִיט אוּנְז.

דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים קמה, יז): "צַדִּיק ה׳ בְּכָל דְּרָכָיו, וְחָסִיד בְּכָל מַעֲשָׂיו", אוּן (שָׁם, ט): "טוֹב ה׳ לַכֹּל וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם; אֲפִילוּ אִיךְ זֶע עֶס נִישְׁט, אֲפִילוּ אִיךְ פַארְשְׁטֵיי עֶס נִישְׁט - דַארְף אִיךְ הָאבְּן אֱמוּנָה אַז אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה, אוּן דָאס אַז אִיךְ זֶע עֶס נִישְׁט אוּן פַארְשְׁטֵיי עֶס נִישְׁט - דָאס אִיז אוֹיךְ פַאר מַיין טוֹבָה.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט וֶוערְט בַּיי אִים אָפְּגֶעקִילְט דִי אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן כב): "הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם מַכְנִיס כְּפִירָה לָאָדָם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט גֵייט אַרַיין אִין אִים מַחְשָׁבוֹת פוּן כְּפִירָה; מֶען הֵייבְּט אָן הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה. דוּ דַארְפְסְט נָאךְ אַסַאךְ תְּשׁוּבָה טוּן עֶס זָאל אַרוֹיס גֵיין פוּן דִיר אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, דוּ זָאלְסְט זַיין אִיבֶּער גֶעגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זֶע צוּ זָאגְן תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אֱמֶת'עֶ תְּשׁוּבָה; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס וִויל תְּשׁוּבָה טוּן זָאל זָאגְן תְּהִלִּים. רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם 'יוֹם תְּהִלִּים', אַזוֹי עֶנְדִיגְט מֶען יֶעדֶע וָואךְ גַאנְץ תְּהִלִּים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

## ווי אַזוֹי אַרְבֶּעט מֶען אוֹיף שִׂמְחָה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס אִיר טוּט, וּבִפְרָט פַאר'ן עֶנְטְפֶערְן מַיין שְׁאֵלָה וָואס אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעפְרֶעגְט ווי אַזוֹי מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אײבֶּערְשְׁטְן ווי צוּ אַ חַבֵר [דֶער בְּרִיוו אִיז בֵּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו], עֶס אִיז גֶעוֶוען פַאר מִיר אַ גְרוֹיסֶע תּוֹעֶלֶת אוּן חִיזוּק צוּ זֶען אַז אוֹיךְ דֶער רֶבִּי אַלֵיין אִיז דָאס דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען, אוּן דָאס אִיז דֶער וֶועג צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, עֶס קוּמְט נִישְׁט אָן גְרִינְג אִין אָנְהוֹיבּ.

יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כד) אַז מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט'ן גַאנְצְן כֹּחַ צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן זִיךְ מַאכְן פְרֵיילִיךְ אֲפִילוּ מִיט מִילֵי דִשְׁטוּתָא. ווי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ אִין יֶעדְן מַצָב, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז מִיר נִישְׁט אַזוֹי גוּט, אֲפִילוּ וֶוען זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי ווי אִיךְ הָאבּ גֶעפְּלַאנְט?

אוֹיךְ ווי אַזוֹי מַאכְט מֶען זִיךְ פְרֵיילִיךְ מִיט מִילֵי דִשְׁטוּתָא?

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ח חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ; רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט זָאגְן: "אַז דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט 'מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד' מִן הַסְתָּם אִיז דָא מִיט וָואס צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ".

דוּ פְרֶעגְסְט ווי אַזוֹי מֶען קֶען זַיין פְרֵיילִיךְ וֶוען זַאכְן אַרְבֶּעטְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיס ווי גֶעפְּלַאנְט וְכוּ'; ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווייסְט קְלָאר אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים אִיז מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן פוּן הִימְל, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָל, נָאר אַלֶעס אַלֶעס אִיז דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס, אַזַא אֵיינֶער וֶוערְט נִישְׁט בְּעַצְבוּת וֶוען זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט ווי גֶעפְּלַאנְט, עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז פַאר זַיין טוֹבָה, עֶר וֵוייסְט אַז עֶס וָואלְט נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין אַנְדֶערְשׁ, ווייל ווי אַזוֹי עֶס אִיז גֶעוֶוען אִיז זִיכֶער גוּט אוּן מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן.
~~~~~~~~~~

דֶער עִיקֶר דַארְף מֶען זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם אַז ׳אִיךְ בִּין נִישְׁט בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אַ גוֹי, אִיךְ בִּין אַ אִיד׳. דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק, הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי צָדוֹק הַכֹּהֵן מִלוּבְּלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט אִין זַיין סֵפֶר פְּרִי צַדִיק אַ מוֹרָא׳דִיגֶע מַעֲשֶׂה (חַג הַשָׁבוּעוֹת, אוֹת יג) אַז דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג זָאגְן דִי בִּרְכוֹת הַשַׁחַר הוֹיךְ אוֹיפְ׳ן קוֹל, אֵיין טָאג הָאט עֶר פַארְפֶעלְט צוּ זָאגְן דִי בְּרָכָה "שֶׁלֹא עָשַׂנִי גוֹי", אִיז אֵיינֶער צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט: "רֶבִּי, אִיר הָאט אוֹיסְגֶעלָאזְט אַ בְּרָכָה, דִי בְּרָכָה פוּן שֶׁלֹא עָשַׂנִי גוֹי", הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעמַאכְט הַיינְט דִי בְּרָכָה! וָוען אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן בַּיי מִיר, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן קֵיין שׁוּם זַאךְ מִיט וָואס זִיךְ צוּ מְחַיֶה וּמְחַזֵק זַיין, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: ׳אַ אִיד בִּין אִיךְ דָאךְ, אִיךְ בִּין נִישְׁט קֵיין גוֹי׳, אוּן פוּן גְרוֹיס שִׂמְחָה הָאבּ אִיךְ מִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן, אוּן אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה: "שֶׁלֹא עָשַׂנִי גוֹי"; מִיט דֶעם הָאבּ אִיךְ זִיךְ מְחַיֶ׳ גֶעוֶוען".

זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אַז אֲפִילוּ אַזַא הֵיילִיגֶע צַדִיק וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָנְגֶערוּפְן ""פְּאֵר הַדוֹר (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קצו)" - הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וָואס מְחַזֵק זַיין נָאר מִיטְ׳ן "שֶׁלֹא עָשַׂנִי גוֹי", אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז מִיר קְלֵיינְטְשִׁיגֶע מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ וָואס מִיר זֶענֶען טַאקֶע גָארְנִישְׁט, דַארְפְן מִיר זִיכֶער נֶעמֶען דֶעם "שֶׁלֹא עָשַׂנִי גוֹי" אוּן זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דֶעם. טְרַאכְטְן שְׁטֶענְדִיג צוּ זִיךְ: ׳בָּרוּךְ ה׳ אִיךְ בִּין נִישְׁט קֵיין גוֹי טָמֵא, אִיךְ בִּין אַ אִיד׳.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע וִוי אַזוֹי אִיז מֶען מְקַיֵים וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן כד): "עַל כֵּן צָרִיךְ לְהַכְרִיחַ אֶת עַצְמוֹ בְּכֹחַ גָּדוֹל לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד וּלְשַׂמֵּחַ אֶת עַצְמוֹ בְּכָל אֲשֶׁר יוּכַל וַאֲפִילוּ בְּמִלֵּי דִּשְׁטוּתָא", מֶען דַארְף זִיךְ צְווִינְגֶען צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אֲפִילוּ מִיט נַארִישֶׁע זַאכְן אַבִּי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ - וִוי אַזוֹי מֶען אִיז דָאס מְקַיֵים בְּרַבִּים; דָאס זָאלְסְטוּ מְקַיֵים זַיין בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ, דוּ קֶענְסְט זִיךְ נַארִישׁ מַאכְן מִיט דַיינֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער, טַאנְצְן מִיט זֵיי אוּן זִיךְ נַארִישׁ מַאכְן וְכוּ׳ וְכוּ׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דִי בְּרִיוו אוֹיף וֶועלְכֶע דֶער אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ:

**וִוי אַזוֹי רֶעדְט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, אִיךְ הֶער עֶס כְּסֵדֶר אוֹיס אוּן אִיךְ שֶׁעפּ אַסַאךְ חִיזּוּק אוּן חִיוּת דֶערְפוּן.

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק זַיין אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד בְּאֱמֶת, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטֶער כְּסֵדֶר. וֶוען אִיךְ רֶעד אָבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶוער אִיךְ מְבוּלְבָּל אוּן פַארְלוֹירְן, אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט ווִי אִיךְ רֶעד צוּ מַיין חַבֵר, עֶס הַאלְט קוֹים אָן פַאר אֵיין מִינוּט, אוּן רוֹב וֶוערְטֶער זֶענֶען: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל רֶעדְן צוּ דִיר", אֶפְשֶׁר קֶען אִיךְ הָאבְּן אַ עֵצָה ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטֶער כְּדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ, צוּ שְׁפִּירְן אַז אִיךְ רֶעד צוּ מַיין טַאטֶע.

נָאךְ אַ זַאךְ וָואס בַּאדֶערְט מִיר שׁוֹין פוּן אַלְס קִינְד, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ וֶועל פָּטוּר וֶוערְן דֶערְפוּן אָבֶּער דֶערְוַוייל אִיז עֶס נָאר מִיט גֶעוָואקְסְן מִיט מִיר, יֶעדֶעס מָאל אִיךְ גֵיי צוּם דָאקְטָאר אָדֶער דֶענְטִיסְט וּבִפְרָט פַאר מֶער עֶרְנְסְטֶע זַאכְן, כַאפְּט מִיר אָן אַזַא פַּחַד אוּן שְׁרֶעק, וָואס קֶען אִיךְ טוּן זִיךְ צוּ מִתְגַבֵּר זַיין?

אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ח תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַיינֶע תְּפִילּוֹת זֶענֶען אוֹיסְנַאם תְּפִילּוֹת; בֶּעט וַוייטֶער דִי הֶערְלִיכֶע וֶוערְטֶער: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל רֶעדְן צוּ דִיר"**, זָאג דָאס אִיבֶּער טוֹיזְנְטֶער מָאל בִּיז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין אָנְצוּהֵייבְּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס נֶעמְט אַ שְׁטִיק צַייט ווִי לַאנְג דֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אִים אוֹיס, אַזוֹי ווִי וֶוען עֶר רֶעדְט צוּ אַ חַבֵר. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן יב): "הָיָה נִדְמֶה לוֹ תָּמִיד שֶׁאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל וְאֵין שׁוֹמְעִין לוֹ כְּלָל", וֶוען עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט זִיךְ אִים שְׁטֶענְדִיג גֶעדַאכְט אַז קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אִים אוּן מֶען הֶערְט נִישְׁט אוֹיס אוֹיבְן אִין הִימְל וָואס עֶר בֶּעט, "רַק אַדְּרַבָּא, נִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ מֵעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ בְּכָל מִינֵי הַרְחָקוֹת וּכְאִלּוּ אֵין רוֹצִין בּוֹ כְּלָל וּכְלָל", פַארְקֶערְט, ווִי מֶער עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט זִיךְ אִים אַלְץ מֶער גֶעדַאכְט ווִי מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, "כִּי הָיָה רוֹאֶה שֶׁחוֹלְפִין וְעוֹבְרִין כַּמָּה וְכַמָּה יָמִים וְשָׁנִים וַעֲדַיִן הוּא רָחוֹק מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְלֹא זָכָה עֲדַיִן לְשׁוּם הִתְקָרְבוּת", וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַסַאךְ יָארְן אוּן עֶר הָאט נָאךְ אַלְץ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "עַל כֵּן נִדְמָה בְּעֵינָיו שֶׁאֵין שׁוֹמְעִין דְּבָרָיו כְּלָל, וְאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו

כְּלָל, רַק אַדְּרַבָּא, מַרְחִיקִין אוֹתוֹ בְּכָל מִינֵי הִתְרַחֲקוּת מֵעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרֵךְ", דֶערְפַאר הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, אַדְּרַבָּה עֶס הָאט אִים אוֹיסְגֶעזֶען וְוִי מֶען שְׁטוּפְּט אִים אַוֶועק פוּן דִי קְדוּשָּׁה, "אַךְ אַף עַל פִּי כֵן הָיָה מְחַזֵּק עַצְמוֹ מְאֹד, וְלֹא הִנִּיחַ אֶת מְקוֹמוֹ", מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, "וְכַמָּה פְּעָמִים הָיָה שֶׁהָיָה נוֹפֵל בְּדַעְתּוֹ מֵחֲמַת זֶה שֶׁרָאָה שֶׁהוּא מִתְפַּלֵּל וּמַעְתִּיר וּמַפְצִיר כָּל כָּךְ שֶׁיִּתְקָרֵב לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ וְאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל, וּמֵחֲמַת זֶה נָפַל לִפְעָמִים בְּדַעְתּוֹ וְלֹא הָיָה מְדַבֵּר עוֹד כָּל כָּךְ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ אֵיזֶה יָמִים", אַסַאךְ מָאל הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט בַּיים רֶבִּי'ן אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, זֶעעֶנְדִיג אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַזוֹי סַאךְ גֶעדַאוְונְט אוּן גֶעבֶּעטְן אָבֶּער עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, אוּן עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, "אַחַר כָּךְ נִזְכַּר בְּעַצְמוֹ וְהִתְבַּיֵּשׁ בְּעַצְמוֹ עַל שֶׁהִרְהֵר אַחַר מִדּוֹתָיו יִתְבָּרֵךְ, כִּי בֶּאֱמֶת בְּוַדַּאי הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ חַנּוּן וְרַחוּם וְכוּ', וּבְוַדַּאי הוּא רוֹצֶה לְקָרְבוֹ וְכוּ', וְחָזַר וְנִתְחַזֵּק בְּדַעְתּוֹ וְהִתְחִיל שׁוּב לְהַעְתִּיר וּלְדַבֵּר לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ כַּנַּ"ל", בִּיז עֶר הָאט זִיךְ גֶעכַאפְּט וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט אַז עֶר הָאט נָאכְגֶעלָאזְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, הָאט עֶר צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְכֵן הָיָה כַּמָּה פְּעָמִים", אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ מָאל, עַיֵּין שָׁם.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט אוֹיפְצוּהֶערְן בֶּעטְן אוּן דַאוֶוענֶען, אֲפִילוּ וֶוען עֶס וֶוערְט פַארְמַאכְט דִי גֶעפִילְן, מֶען שְׁפִּירְט גָארְנִישְׁט אוּן מֶען זֶעט גָארְנִישְׁט; אַדְּרַבָּה, מֶען זֶעט נָאר פַארְקֶערְט, מֶען זֶעט וְוִי מֶען בֶּעט אוּן מֶען בֶּעט אוּן עֶס רִירְט זִיךְ גָארְנִישְׁט, דַארְף מֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן דִי עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ. אָבֶּער בַּיים סוֹף וֶוער עֶס הַאלְט אָן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אִיז זוֹכֶה אַז עֶר בַּאקוּמְט אַ לוֹיטֶערֶע מֹחַ, עֶר הֵייבְּט אָן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה אוּן אַלֶע פְּחָדִים גֵייעֶן אַוֶועק פוּן אִים, עֶר הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, נִישְׁט פוּן קַיין דָאקְטֶער, דֶענְטִיסְט, מַלְאָכִים אוּן אֲפִילוּ פוּנֶעם מַלְאַךְ הַמָּוֶת, נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים. ]

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאבְּן אַ חֲבוּרַת "הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ" אִין מַיין שְׁטָאט?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

רֵאשִׁית כֹּל וויל אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים און עֵצוֹת, אִיךְ בִּין בָּרוּךְ ה' גֶעוָוארְן זֵייעֶר מְקוּשָּׁר צוּ דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, צוּ דִי סְפָרִים פוּן מוֹהֲרַ"ש און פוּן רֶבִּי'ן, און אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט מִיר מַמָּשׁ גֶעגֶעבְּן אַ נַייעֶ לֶעבְּן מִיט דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת.

אִיךְ וואוֹין אִין יְרוּשָׁלַיִם, און אִיךְ בִּין זֵייעֶר מְקַנֵּא דִי אִידְן פוּן אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער וָואס הָאבְּן אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, וואוּ זֵיי קֶענֶען לֶערְנֶען דִי סְפָרִים, הֶערְן שִׁיעוּרִים, און זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אִינְאֵיינֶעם מִיט נָאךְ חֲבֵרִים. בַּיי אוּנְז אִין שְׁטָאט אִיז נִישְׁטָא קַיין בֵּית הַמִּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, און עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין בֵּית הַמִּדְרָשׁ וואוּ עֶס גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט סְפָרִים פוּן מוֹהֲרַ"ש. אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ זֵייעֶר אַיינְזַאם, אִיךְ בִּין זִיךְ נָאר מִתְחַזֵּק מִיט מַיין וַוייבּ, און אִיךְ הָאבּ נִישְׁט נָאךְ חֲבֵרִים.

אִיךְ וויל זֵייעֶר שְׁטַארְק הָאבְּן דָא אַ חֲבוּרָה פוּן אִינְגֶעלַייט פוּן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן צוּזַאמֶען מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן און מוֹהֲרַ"ש. אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְּן חִיזּוּק און עֵצוֹת ווי אַזוֹי דָאס אוֹיסְצוּפִירְן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ח חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וָואס אִיז דָא מְקַנֵּא צוּ זַיין? טוּ צוּ דֶער זַאךְ און עֶפְן אַ "בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ" אִין יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקּוֹדֶשׁ וֶועסְטוּ הָאבְּן חִיזּוּק פַאר דִיר אַלֵיינְס און נָאךְ מֶענְטְשְׁן וֶועלְן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין, דוּ וֶועסְט זִיךְ קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ עֶפֶענֶען אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ עַל שֵׁם רַבֵּינוּ וואוּ מֶענְטְשְׁן וֶועלְן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.**

**אַז דוּ עֶפְנְסְט אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ זָאלְסְטוּ זֶען מֶען זָאל רֶעדְן נָאר דִיבּוּרִים פוּנֶעם בַּעַל תְּפִילָה. דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אִין דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בַּעַל תְּפִילָה אַז דֶער פְּרוּמֶער בַּעַל תְּפִילָה פְלֶעגְט אַרוּם גֵיין רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן און שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי פוּן תַּכְלִית** (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב)**, דֶער בַּעַל תְּפִילָה פְלֶעגְט זָאגְן פַאר אַלֶעמֶען: "עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין אַנְדֶערֶע תַּכְלִית אוֹיף דֶער וֶועלְט, נָאר צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", און וָואס דֶער גִיבּוֹר הָאט גֶעזָאגְט פַאר'ן בַּעַל תְּפִילָה: "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּנֶעם קֶענִיג אַז פוּן אַלֶע תַּאֲווֹת**

קֶען מֶען אַרוֹיס נֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ חוּץ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן אִין תַּאֲוַות מָמוֹן״, אוּן וָואס דֶער בַּעַל תְּפִילָה הָאט גֶעזָאגְט: ״נָאךְ אַלְץ ווילְט אִיר גֶעלְט? פוּן גֶעלְט זָאלְט אִיר מִיט מִיר נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן״.

מוֹהֲרָא״ש הָאט אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן דִי וֶוערְטֶער אוֹיף דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הַגָּדוֹל אִין יַבְנְאֵל. יֶעדֶעס מָאל וֶוען אִיךְ בִּין זוֹכֶה צוּ זַיין אִין יַבְנְאֵל גֵיי אִיךְ נָאכְאַמָאל זֶען דָאס בֵּית הַמֶּדְרָשׁ וָואס מוֹהֲרָא״ש הָאט גֶעבּוֹיט, אִיךְ גֵיי קוּקְן דֶעם טָאוְול וָואס שְׁטֵייט בַּיים אַרַיינְגַאנְג צוּם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ; מוֹהֲרָא״ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיפְ׳ן טִיר פוּנֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דִי וֶוערְטֶער: ״הַבַּעַל תְּפִלָּה אָמַר: עֲדַיִן אַתֶּם רוֹצִים מָמוֹן? מִמָּמוֹן לֹא תְּדַבְּרוּ כְּלָל״, אִין אִידִישׁ: ״דֶער בַּעַל תְּפִילָה הָאט גֶעזָאגְט: ׳נָאךְ אַלְץ ווילְט אִיר גֶעלְט? פוּן גֶעלְט זָאלְט אִיר מִיט מִיר נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן׳״; דָאס בְּרֶענְגְט יֶעדֶעס מָאל אַרַיין אִין מִיר אַ שְׁטַארְקֶע הִתְעוֹרְרוּת, זֶעעֶנְדִיג ווי מוֹהֲרָא״ש הָאט גֶעלֶעבְּט מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן ווי שְׁטַארְק מוֹהֲרָא״ש הָאט גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אָן קַיין חָכְמוֹת אוּן אָן קַיין דְרֵיידְלֶעךְ.

הֵייבּ אָן אוֹיף אַ קְלֵיינֶער פַארְנֶעם; עֶס קֶען זַיין בַּיי דִיר אִין שְׁטוּב (מִיט רְשׁוּת פוּן דַיין וַוייבּ). הֵייבּ אָן מִיט שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת; קוֹדֶם וֶועט קוּמֶען אֵיינֶער נָאכְדֶעם אַ צְוֵוייטֶער, אַזוֹי וֶועט עֶס נִתְפַּרְסֵם וֶוערְן, צוּבִּיסְלֶעךְ וֶועלְן קוּמֶען נָאךְ אוּן נָאךְ מִתְפַּלְּלִים בִּיז דוּ וֶועסְט אַרוֹיס נֶעמֶען אַ פְּלַאץ אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

### ווי אַזוֹי וֶועט מֶען מִיר אָנְקוּקְן נָאכְ׳ן זִיךְ גֶטְ׳ן צְוֵויי מָאל?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִין מַיין מַצָּב. אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעוֶוען אֵיינְמָאל גֶע'גֶט אוּן אִיךְ הָאבּ נָאכְאַמָאל חַתוּנָה גֶעהַאט, אוּן מִיר הָאבְּן גֶעהַאט צְוֵויי קִינְדֶער צוּזַאמֶען. לְמַעֲשֶׂה הָאט דֶער מַצָּב בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּב אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין זֵייעֶר שְׁלֶעכְט אִין דִי לֶעצְטֶע צְוֵויי יָאר, דִי קִינְדֶער וָואס מַיין וַוייבּ הָאט מִיטְגֶעבְּרֶענְגְט הָאבְּן מִיר מַמָּשׁ דֶערְבִּיטֶערְט דָאס לֶעבְּן, אוּן זִי אִיז נָאר גֶעשְׁטַאנֶען מִיט זֵיי אַקֶעגְן מִיר, אִיךְ בִּין נִישְׁט אַנֶערְקֶענְט גֶעוָוארְן אַלְס טַאטֶע אִין שְׁטוּב, נָאר אַלְס אֵיינֶער וָואס דַארְף בְּרֶענְגֶען גֶעלְט. אוּן דֶערְפַאר הָאבְּן מִיר זִיךְ יֶעצְט צֶעטֵיילְט, אוּן מִיר גֵייעֶן זִיךְ גֶטְ׳ן בְּקָרוֹב.

מֶענְטְשְׁן קוּקְן מִיר אָן ווי אַ לֹא יוּצְלַח, עֶר גֵייט זִיךְ שׁוֹין גֶטְ'ן צוּם צְוֵוייטְן מָאל, אִיךְ ווייס אָבֶּער אַז אִיךְ
~~~~~~~~~~

בִּין נִישְׁט אַזוֹי שְׁלֶעכְט, כָאטְשׁ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט קֵיין מוּשְׁלָם, שְׁפִּיר אִיךְ אַז אִיךְ בִּין פְּשׁוּט אַרֵיינְגֶעפַאלְן צְוֵויי מָאל.

און יֶעצְט טְרַאכְט אִיךְ וִוי אַזוֹי אִיךְ וֶועל קֶענֶען אִיבֶּערְגֵיין דִי שְׁוֶוערֶע תְּקוּפָה; דִי צְוֵויי קִינְדֶער זֶענֶען בַּיי מִיר, און וֶוער ווייסט מִיר יֶעצְט וֶועלְן נֶעמֶען נָאכְ'ן זִיךְ גֶט'ן צְוֵויי מָאל, און נָאךְ מִיט צְוֵויי קִינְדֶער? אִיךְ וויל אַזוֹי שְׁטַארְק הָאבְּן אַ נָארְמַאלֶע לֶעבְּן, אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּב מִיט לִיבְּשַׁאפְט און שִׂמְחָה, און אוֹיב וֶועט זַיין שְׁוֶועריקֵייטְן זָאלְן מִיר עֶס דוּרְכְגֵיין צוּזַאמֶען בְּשָׁלוֹם.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ח חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ עֶנְטְפֶערְן וֶוען מֶען קֶען נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ און מֶען ווייסְט נִישְׁט קֵיין פְּרָטִים וְכוּ'; בִּפְרַט וֶוען דוּ הָאלְטְסט נָאךְ פַארְ'ן גֶט, אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ עֶנְטְפֶערְן וַוייל "זִיךְ גֶט'ן אִיז נִישְׁט דִי עֵצָה".

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס קִינְדֶער גֵייעֶן אַרִיבֶּער וֶוען עֶלְטֶערְן גֶט'ן זִיךְ; דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ וָואס עֶלְטֶערְן קֶענֶען טוּן פַאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אִיז זִיךְ גֶט'ן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. אִיךְ קֶען דִיר זָאגְן וָואס אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהַרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: "זִיךְ גֶט'ן אִיז נִישְׁט דִי עֵצָה", בִּפְרַט וֶוען עֶס אִיז דָא קִינְדֶער אִין שְׁטוּבּ; וַוייל אוֹיבּ מֶען גֶט זִיךְ לַיידְן דִי קִינְדֶער פוּן דֶעם זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן.

בְּמֶשֶׁךְ דִי פוּפְצְן יָאר וָואס אִיךְ בִּין עוֹסֵק מִיט קִינְדֶער און בָּחוּרִים הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז רוֹב פְּרָאבְּלֶעמֶען מַאכְן זִיךְ בַּיי קִינְדֶער פוּן גֶע'גֶט'ֶע שְׁטוּבֶּער. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (גִּיטִּין צ:): "כָּל הַמְגָרֵשׁ אֶת אִשְׁתּוֹ, אֲפִילּוּ מִזְבֵּחַ מוֹרִיד דְּמָעוֹת", וֶוען מַאן און וַוייבּ גֶט'ן זִיךְ וֵויינְט דֶער מִזְבֵּחַ. פְלֶעגְט מוֹהַרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: פַארְוָואס וֵויינְט דַוְקָא דֶער מִזְבֵּחַ? עֶס זֶענֶען דָאךְ דָא אַסַאךְ כֵּלִים אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; פַארְוָואס וֵויינְט נִישְׁט דֶער שֻׁלְחָן, דֶער מְנוֹרָה, דֶער אָרוֹן, וָואס עֶפֶּעס דַוְקָא דֶער מִזְבֵּחַ? נָאר דֶער מִזְבֵּחַ וֵויינְט, וִוי צוּ זָאגְן: "מֶען אִיז שׁוֹין מַקְרִיב אוֹיף מִיר גֶענוּג קָרְבָּנוֹת, פַארְוָואס פֶעלְט אוֹיס מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען נָאךְ קָרְבָּנוֹת...".

דִי נְקוּדָה אִיז נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶענְטְשְׁן קוּקְן דִיר אָן און וָואס מֶענְטְשְׁן וֶועלְן זָאגְן; וָואס הַארְט דִיר וָואס מֶענְטְשְׁן וֶועלְן זָאגְן? דוּ דַארְפְסְט טְרַאכְטְן מֶער פוּן דִי קִינְדֶער וִוי טְרַאכְטְן וָואס מֶענְטְשְׁן וֶועלְן זָאגְן.

זַיי זִיךְ מְחַזֵק מִיט תְּפִילָה וְהִתְבּוֹדְדוּת, גֵיי אַרוֹיס אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן אִין אַ פְּלַאץ וואו קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, דָארְט זָאלְסְטוּ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט ווִיסְן וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן; זָאג אִים דַיין וֵוייטָאג, בֶּעט אִים: "'וְתַקְנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְפָנֶיךָ', אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבּ מִיר אַ גוּטֶע עֵצָה אִיךְ זָאל ווִיסְן וָואס צוּ טוּן", אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק מִיט דֶעם וֶועסְטוּ ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אִיז זִיכֶער אַ גוּטֶע עֵצָה, מֶען זָאל אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן; דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט ווִי אֵיינֶער דַאוֶוענְט מַעֲרִיב אוּן עֶר כַאפְּט אָפּ דִי וֶוערְטֶער: "וְתַקְנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְפָנֶיךָ", הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלח): "דִי וֶוערְטֶער דַארְף מֶען דָאךְ זָאגְן מִיט גְרוֹיס כַּוָונָה, דָאס אִיז זֵייעֶר אַ חָשׁוּב'עֶ תְּפִילָה", ווַייל דֶער עִיקָר פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז מֶען ווֵייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, מֶען הָאט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ סְפֵיקוֹת צִי מֶען זָאל טוּן אַזוֹי צִי אַזוֹי, אוּן מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"'וְתַקְנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְפָנֶיךָ', רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבּ מִיר אַ גוּטֶע עֵצָה אִיךְ זָאל ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן".**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ ווִיסְן וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**וועגְן חֲבֵרִים, אוּן פַארְשִׁידֶענֶע הֲלָכוֹת.**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״א חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.**

דוּ הָאסְט נִישְׁט גוּט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט בַּיי דִי שִׁיעוּר. קוֹדֶם כָּל אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז נִישְׁט קַיין חַבֵר, צְוֵוייטְנְס, מֶען מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז וֶוען מֶען לַיידְט פוּן אַנְדֶערֶע זָאל מֶען נִישְׁט דֶערְצֵיילְן פַאר חֲבֵרִים, אַוַדאי דַארְף מֶען דֶערְצֵיילְן, נָאר מֶען הָאט גֶערֶעדְט אַז אוֹיבּ מֶען הָאט גֶעטוּן נַארִישְׁקֵייטְן אִינֶעם עָבַר אִיז נִישְׁט כְּדַאי דָאס צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר אַנְדֶערֶע, וַוייל שְׁפֶּעטֶער וֶועט יֶענֶער דִיר בַּאגְרָאבְּן מִיט דָאס וָואס מֶען הָאט פַארְצֵיילְט, אָבֶער אַז אֵיינֶער רוֹדְפְ׳ט דִיר דַארְפְסְטוּ דֶערְצֵיילְן.

בְּנוֹגֵעַ שְׁנַיידְן דִי נֶעגְל פוּן דִי פִּיס אוֹיף אַ סֵדֶר; דָאס וָואס מִיר זֶענֶען מַקְפִּיד וֶוען מֶען שֶׁערְט דִי נֶעגְל נִישְׁט צוּ שֶׁערְן אֵיינְס נָאכְן צְוֵוייטְן וְכוּ׳, דָאס אִיז נָאר וֶוען מֶען שְׁנַיידְט דִי נֶעגְל פוּן דִי הֶענְט, אָבֶער וֶוען מֶען שֶׁערְט דִי נֶעגְל פוּן דִי פִּיס דַארְף מֶען נִישְׁט מַקְפִּיד זַיין (עַיֵּין סֵפֶר זִכָּרוֹן חֵלֶק ב׳, סִימָן לו בְּשֵׁם הַחֲזוֹן אִישׁ זצ״ל).

בְּנוֹגֵעַ צִי מֶען מֶעג עֶסְן נָאךְ קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה אוּן בִּרְכַּת הַמַּפִּיל; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען פַאר דוּ לֵיינְסְט קְרִיאַת שְׁמַע, וַוייל אַזוֹי אִיז דִי הֲלָכָה (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רלט, סְעִיף א) אַז מֶען זָאל נִישְׁט עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען נָאךְ קְרִיאַת שְׁמַע, אָבֶער אַז דוּ וֶוערְסְט הוּנְגֶערִיג אָדֶער דוּרְשְׁטֶערִיג נָאכְן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אוּן זָאגְן הַמַּפִּיל מֶעגְסְטוּ עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען.

בְּנוֹגֵעַ מַאכְן דִי הָאר שַׁבָּת; מֶען טָאר נִישְׁט מַאכְן שַׁבָּת דִי הָאר וִויל מֶען קוּמְט צוּ רַייסְן הָאר. שַׁבָּת אִיז שֵׁיין פַאר אַ מֵיידְל נִישְׁט גֶעמַאכְטֶע הָאר, שֵׁיין אִיז וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אוּן וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט.

עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ פְרֶעגְן יֶעדֶע סָפֵק וָואס מֶען הָאט; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (נִדָּה כז.) אַז רַב פַּפָּא הָאט גֶעפְרֶעגְט עֶפֶּעס פוּן דִי חֲבֵרִים אִין יְשִׁיבָה אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעלַאכְט, הָאט רַב פַּפָּא גֶעזָאגְט: "אֲפִילוּ כִּי הָא מִילְּתָא לֵימָא אִינִישׁ וְלָא נִשְׁתּוֹק קַמֵּיהּ רַבֵּיהּ", אֲפִילוּ אַזַא שְׁאֵלָה זָאל מֶען פְרֶעגְן, אֲפִילוּ אַלֶע לַאכְן פוּן דִיר, וַוייל עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ל, לב): "אִם נָבַלְתָּ", אַז מֶען אִיז זִיךְ מְבַזֶּה אוֹיף תּוֹרָה, מֶען פְרֶעגְט יֶעדֶע זַאךְ אֲפִילוּ מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט, "בְּהִתְנַשֵּׂא", וֶועט מֶען בַּיים סוֹף גְרוֹיס וֶוערְן, "וְאִם זַמּוֹתָ", אָבֶּער אוֹיב אִיז מֶען שְׁטִיל, מֶען שֶׁעמְט זִיךְ צוּ פְרֶעגְן, דֶעמָאלְט "יָד לְפֶה", וֶועט מֶען נִישְׁט וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

**בָּחוּרִים ווִילְן אוֹיסְקוּקְן קִיל.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ב חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

יֶעדֶעס מָאל דוּ קוּמְסְט אִין יְשִׁיבָה מַאכְסְטוּ מִיךְ פְרֵיילִיךְ; וֶוען דוּ הָאסְט אַבִּיסְל פְרֵייעֶ צַייט זָאלְסְטוּ אַרוֹיף קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה לֶערְנֶען אַבִּיסְל דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוּן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי חִיזּוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

זַיי שְׁטַארְק מִיט דַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת; דוּ מַאכְסְט אַ קִידּוּשׁ הַשֵּׁם מִיט דַיין צֶלֶם אֱלֹקִים. לֵיידֶער זֶעט מֶען אַזוֹיפִיל בָּחוּרִים, בְּנֵי הַנְּעוּרִים וָואס שְׁנַיידְן זִיךְ דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת; מֶען ווִיל אוֹיסְקוּקְן בֶּעסֶער, מֶען ווִיל אוֹיסְקוּקְן קִיל (קָאאָל), מֶען וֵוייסְט נִישְׁט אַז אוֹיב מֶען שְׁנַיידְט דִי בָּארְד שְׁנַיידְט מֶען דִי פַּרְנָסָה אוּן אַז מֶען שְׁנַיידְט דִי פֵּיאוֹת שְׁנַיידְט מֶען אָפּ דֶעם שֵׂכֶל.

זַיי שְׁטַארְק אוּן בֵּייג זִיךְ נִישְׁט פַאר קֵיינֶעם; בְּלַייב אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידּוּךְ בְּקָרוֹב אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

... נֵרוֹ יָאִיר, אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ; גֶעדֶענְק וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט, אַז דוּ וֶועסְט בְּלַייבְּן אִין יְשִׁיבָה וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידּוּךְ. בְּלַייבְּן אִין יְשִׁיבָה מֵיינְט מֶען אֲפִילוּ מֶען אַרְבֶּעט וְכוּ׳, אָבֶּער מֶען קוּמְט אַרוֹיף לֶערְנֶען אוּן נֶעמֶען חִיזּוּק.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...
~~~~~~~~~~

~~~~~~~~~~~

**בָּארְגְן פַאר גוֹיִם אוֹיף רִבִּית.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ב חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער תַּלְמִיד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע צִי מֶען מֶעג בָּארְגְן פַאר גוֹיִם אוֹיף רִבִּית, דַיינֶע חֲבֵרִים רֶעדְן דִיר אָן זָאלְסְט פַארְבָּארְגְן גֶעלְט אוֹיף גְרוֹיסֶע רְוָחִים.

אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ וֶוערְט גֶע'פַּסְקֶ'נְט (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן קנט, סְעִיף א): "וְהָאִדָּנָא מוּתָּר בְּכָל עִנְיָן, לְהַלְווֹת לְעוֹבֵד כּוֹכָבִים", מֶען מֶעג פַארְבָּארְגְן אוֹיף רִבִּית פַאר גוֹיִם.

דוּ הָאסְט מִיר נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט צִי דוּ זָאלְסְט עֶס טוּן אָדֶער נִישְׁט, הָאסְט מִיר גֶעפְרֶעגְט דִי גְלַאטֶע הֲלָכָה, עֶנְטְפֶער אִיךְ דִיר וָואס דִי הֲלָכָה אִיז. וָואלְסְטוּ מִיר גֶעפְרֶעגְט צִי דוּ זָאלְסְט מַאכְן דִי אִינְוֶועסְטְמֶענְט וָואלְט אִיךְ דִיר גֶערָאטְן אַז נִישְׁט.

דָאס בֶּעסְטֶע פַאר דִיר אִיז, מַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת; פְרֶעג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן.

אִין בְּרֶסְלֶב הָאט מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן פוּן גֶעבְּן עֵצוֹת; מֶען הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזָאגְט פַאר אַ צְוֵוייטְן וָואס צוּ טוּן. אֲפִילוּ וֶוען יֶענֶער הָאט גֶעפְרֶעגְט וְכוּ', הָאט מֶען זִיךְ אַלְץ אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט. עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ סִיפּוּרִים וָואס הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפִּילְט בַּיים רֶבִּי'ן אוּן בַּיי רֶבִּי נָתָן, אַז מֶען הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזָאגְט פַאר יֶענֶעם טוּ יָא, טוּ נִישְׁט; מֶען הָאט נָאר מְרַמֵּז גֶעוֶוען וְכוּ', אוּן בְּעִיקָר נָאר גֶעשְׁטוּפְּט צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר מַיין הַארְצִיגֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, פְרֶעג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צִי דוּ זָאלְסְט מַאכְן דֶעם עֵסֶק; שְׁמוּעֶס מִיט אִים אוֹיס אַלֶע צְדָדִים וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר'ן הֶעלְפְן דִי יְשִׁיבָה חוֹדֶשׁ'לִיךְ אַזוֹי גֶעטְרֵיי.

...

~~~~~~~~~~~

**דֶער וָואס וֶועט גֵיין הַפָּצָה וֶועט אַלְץ הָאבְּן גֶעלְט.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ב חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

בָּרוּךְ ה' אַז דַיין טָאכְטֶער אִיז שׁוֹין אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פוּן שְׁפִּיטָאל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

זָאל אִיר שִׁיקְן אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה.

קוּקְנְדִיג אוֹיף דִיר זֶע אִיךְ וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט אוּן גֶעשְׁרִיבְּן אַלֶע יָארְן: "דֶער וָואס וֶועט גֵיין הַפָּצָה וֶועט אַלְץ הָאבְּן גֶעלְט"; דַיין גַאנְצֶע עֵסֶק אִיז הַפָּצָה, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע פַּרְנָסָה, דָאךְ הָאסְטוּ מֶער גֶעלְט פוּן אַנְדֶערֶע אִינְגֶעלַייט אוּן נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ הָאבְּן אַן אֵייגֶענֶע דִירָה אִין שְׁטֶעטְל.

אִינְגֶעלַייט קוּמֶען זִיךְ בַּאקְלָאגְן אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט פוּן וואו צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה; וֶוען זֵיי וָואלְטְן זִיךְ נִישְׁט גֶעפוּילְט אוּן עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי אֱמוּנָה פַאר אַנְדֶערֶע, וָואלְטְן זֵיי גֶעהַאט שֶׁפַע אִין שְׁטוּב.

דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיינֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, זֶרַע בֵּרַךְ ה'; נֶעם מִיט דַיין גְרוֹיסֶע אִינְגְל עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן מֵפִיץ זַיין, אַזוֹי וֶועט עֶר מְחוּנָךְ וֶוערְן צוּ טוּן פַאר אַנְדֶערֶע, צוּ טוּן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אַלֶעמֶען "לְהִתְוַדֵעַ וּלְהִגָּלוֹת כִּי הוּא מֶלֶךְ עַל כָּל הָאָרֶץ".

...

~~~~~~~~~~~

**נוּץ אוֹיס דַיין כֹּחַ הַנְּגִינָה צוּ מְקָרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ב חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט צוּ הֶערְן נָאךְ אַ סִיוּם מַסֶכְתָּא פוּן דִיר, דוּ הָאסְט מְסַיֵים גֶעוֶוען מַסֶכֶת סוֹטָה. דוּ לֶערְנְסְט שַׁ"ס כְּסִדְרָן עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן, יֶעצְט זָאלְסְטוּ גֵיין וַוייטֶער צוּ מַסֶכֶת גִיטִין, קִידוּשִׁין אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, אִיךְ וֵוייס אַז דוּ בִּיסְט זֵייעֶר פַארְנוּמֶען, דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען מִיט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע חוּשׁ הַנְּגִינָה, דַארְפְסְטוּ דָאס אוֹיסְנוּצְן צוּ מְקָרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ דִי אֱמוּנָה. מִיר וִוילְן יֶעצְט אַרוֹיסְגֶעבְּן נָאךְ אַ סִידִי, "טַאנְץ מִיט אֱמוּנָה - חֵלֶק ד'", אָבֶּער מִיר וִוילְן עֶס נִישְׁט מַאכְן אָן דִיר; וֶוען מֶען הֶערְט דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע חֲלָקִים זֶעט מֶען אַ גְרוֹיסֶע חִילוּק פוּן דִי דְרִיטֶע חֵלֶק וָואס דוּ הָאסְט גֶעמַאכְט - בִּיז דִי עֶרְשְׁטֶע צְוֵויי חֲלָקִים.

בֶּעט אִיךְ דִיר אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט אַרוֹיסְכַאפְּן אַבִּיסְל צַייט צוּ קוּמֶען זִינְגֶען מִיט דִי בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט; אוֹיךְ אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ זִינְגֶען מִיט דִיר וֶוען דוּ הָאסְט אַבִּיסְל צַייט. וַוייל מִיט נְגִינָה קֶען מֶען אוֹיסְהֵיילְן דִי בַּת מֶלֶךְ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יג, מז' בֶּעטְלֶערְס): "אוּן אִיךְ הֵייל זִי".
~~~~~~~~~~~

אַלֶעס אִיז גְרֵייט, דִי מוּזִיק אִיז אוֹיךְ גְרֵייט; מֶען וַוארְט אַז דוּ זָאלְסְט הֶעלְפְן מִיט דַיין חוּשׁ הַנְּגִינָה.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן אוֹיב דוּ וֶועסְט הֶעלְפְן.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

~~~~~~~~~~

**הַפָּצָה אוֹיף אַלֶע סָארְט וֶועגְן.**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״ב חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דַיינֶע זְכוּתִים אוֹיבְן אִין הִימְל מִיט דֶעם וָואס דוּ דְרוּקְסְט דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרָא״ש הָאט צוּזַאמְגֶענוּמֶען פוּן רֶבִּי׳ן צוּ מְחַזֵק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער. בִּפְרַט דִי בְּרִיוְון פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וָואס מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶ׳ דֶערְמִיט; דִי מֵפִיצִים גֶעבְּן אִיבֶּער אַז מֶען צֶעכַאפְּט דָאס וֶועכֶנְטְלִיךְ אִין דִי צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער.

דִי וֶועלְט רוּקְט זִיךְ פָּארְאוֹיס וְכוּ׳, דַארְפְן מִיר זַיין גְרֵייט מִיט הַפָּצָה אוֹיף אַלֶע וֶועגְן; אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק מַאכְן אַן עֶפְּפּ אַז מֶען זָאל קֶענֶען גְרִינְג אָנְקוּמֶען צוּ דִי סְפָרִים, בְּרִיוְון אוּן שִׁיעוּרִים אוֹיפְ׳ן טֶעלֶעפָאן. הָאַבְרֵךְ הַיָקָר ... נֵרוֹ יָאִיר זָאגְט אַז מֶען קֶען מַאכְן אַ שֵׁיינֶע גְרִינְגֶע עֶפְּפּ פַאר דְרַייסִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער. מֶען וֶועט קֶענֶען זֶען פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט דִי קוּנְטְרֵסִים, סְפָרִים, גִּלְיוֹנוֹת אוּן שִׁיעוּרִים גְרִינְגֶערְהֵייט.

אֶפְשַׁר קֶענְסְטוּ מַאכְן אַן הִתְעוֹרְרוּת בַּיי דִי תַּלְמִידִים, וֶוער עֶס וִויל נֶעמֶען אַ חֵלֶק אִין דֶעם זְכוּת הָרַבִּים לְדוֹרוֹת; אַ שָׁאד עֶס זָאל זִיךְ אָפְּהַאלְטְן צוּלִיב גֶעלְט.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער; יֶעדְן טָאג וֶוען דוּ קוּמְסְט אַהֵיים פוּן אַרְבֶּעט זָאלְסְטוּ טַאנְצְן מִיט דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה: ״אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ״.

אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ אָן אַ שִׁיעוּר.

...

~~~~~~~~~~

**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק חַתוּנָה הָאבְּן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ב חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער לִיבֶּער תַּלְמִיד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב.**

אַז דוּ ווִילְסְט אַ שִׁידוּךְ זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג גֵיין אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת; זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִין אָנְהֵייבּ וֶועט דִיר דָאס זַיין שְׁוֶוער, בִּפְרַט וֶוען אֵיינֶער אִיז אַ פַארְמַאכְטֶער מֶענְטְשׁ בְּטֶבַע, אִים אִיז שְׁוֶוער זִיךְ צוּ עֶפֶענֶען. דָאךְ זָאלְסְטוּ דָאס טוּן מִיט עַקְשָׁנוּת יֶעדְן טָאג, בִּיז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ.

אִיךְ שְׁרֵייבּ דִיר אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה אַז עֶס זָאל דִיר זַיין גְרִינְגֶער אָנְצוּהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער בְּעִיקָר זָאלְסְטוּ רֶעדְן דַיינֶע אֵייגֶענֶע דִיבּוּרִים:

**"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ ווִיל שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק חַתוּנָה הָאבְּן, אִיךְ ווִיל טְרֶעפְן מַיין זִיווּג אוּן אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן אַ הֵיילִיגֶע רֵיינֶע לֶעבְּן.**

**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ בִּין צֶעבְּרָאכְן אוֹיף פִּיצְ-פִּיצְלִיךְ, אִיךְ בִּין אַ שִׁבְרֵי כֵּלִי; אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט, אִיךְ בִּין אֵיינֶער אַלֵיינְס. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין מִשְׁפָּחָה, אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט. אֵיין זַאךְ הָאבּ אִיךְ, נָאר דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן דַיין תּוֹרָה; אָנָּא ה' הוֹשִׁיעָה נָּא, אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף מִיר".**

טֵייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, גֵיי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער, צְווִישְׁן דִי פֶעלְדֶער, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דַיין זִיווּג בְּקָרוֹב.

אִיךְ בֶּעט אוּן אִיךְ דַאוְון פַאר דִיר יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג, בִּפְרַט בַּיי פְּתִיחַת הָאָרוֹן; דֶעמָאלְט בֶּעט אִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ פַאר דִיר אוּן פַאר אַלֶע תַּלְמִידִים.

...

~~~~~~~~~~~

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ גֶעפְרֶעגְלְטְן אִיד.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"א חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה; אֲפִילוּ עֶס גֵייט אוֹיף דִיר אַרִיבֶּער שְׁוֶוערִיקֵייטְן אוּן דוּ שְׁפִּירְסְט אַז דוּ קֶענְסְט עֶס נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן
~~~~~~~~~~~

(שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רעט): "אַז עֶס אִיז גָאר בִּיטֶער אִיז מֶען זִיךְ אִין גַאנְצְן מְבַטֵל", הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "אֵיךְ מְבַטְלִין עַצְמוֹ?" וְוִי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מְבַטֵל, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "מֶען פַארְמַאכְט זִיךְ דָאס מוֹיל אוּן דִי אוֹיגְן - דָאס אִיז בִּיטוּל".

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקנה): "דוּ וֵוייסְט וֶועם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיב? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיב אַ גֶעפְרֶעגְלְטְן אִיד"; אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, אִים הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ.

אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**עֶס אִיז נָארְמַאל מוֹרָא צוּ הָאבְּן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ב חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תְּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זָארְגְטְס נִישְׁט וְכוּ', עֶס אִיז אַ נָארְמַאלֶע זַאךְ מֶען זָאל מוֹרָא הָאבְּן אוּן טְרַאכְטְן וָואס גֵייט זַיין אוּן וְוִי שְׁטַארְק אִיז דִי וֵוייטָאג וְכוּ'; אַלֶע גֵייעָן דָאס אַרִיבֶּער פַאר'ן הָאבְּן דִי עֶרְשְׁטֶע קִינְד, אַזוֹי וְוִי מִיר זָאגְן דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג סְלִיחוֹת פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "חָלִים כְּמַבְכִּירָה מֶעֻבֶּרֶת מַשָּׂאֶךְ", מִיר צִיטֶערְן פוּנֶעם יוֹם הַדִין אַזוֹי וְוִי אַ פְרוֹי צִיטֶערְט וֶוען זִי גֵייט הָאבְּן אִיר עֶרְשְׁטֶע קִינְד; דָאס אִיז דֶער סֵדֶר הָעוֹלָם, מֶען הָאט זֵייעֶר מוֹרָא.

שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט אֱמוּנָה אוּן תְּפִילָה; בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס זָאל גֵיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת. תְּפִילָה אִיז זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע זַאךְ, עֶס דְרֵיידְט אִיבֶּער דֶעם טֶבַע, אַזוֹי וְוִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רנ): "הַטֶּבַע מְחַיֵּב כָּךְ, וּתְפִלָּה מְשַׁנָּה הַטֶּבַע", תְּפִילָה אִיז מְשַׁנֶּה דִי טֶבַע; בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּער גֵיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת בִּזְכוּת דִי צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת צַדִּיק, חֵלֶק ב', סִימָן כ): "עַל יְדֵי הַזְכָּרַת שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים יְכוֹלִים לְהָבִיא שִׁנּוּי בְּמַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית, כְּלוֹמַר לְשַׁנּוֹת הַטֶּבַע", דוּרְכ'ן דֶערְמַאנֶען דִי נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים קֶען מֶען טוּישְׁן דִי טֶבַע; דֶערִיבֶּער אִיז גוּט אַז וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל מֶען אַרוֹיסְזָאגְן דִי נֶעמֶען פוּן דִי צַדִיקִים וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט אוֹיסְנֶווייניג, צוּם בֵּיישְׁפִּיל: אַבְרָהָם, יִצְחָק, יַעֲקֹב, מֹשֶׁה, אַהֲרֹן, יוֹסֵף, דָוִד אוּן שְׁלֹמֹה, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי,
~~~~~~~~~~~

רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב, רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב וְכוּ׳ וְכוּ׳, און נָאךְ נֶעמֶען פון צַדִיקִים וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט, און נָאכְדֶעם זָאל מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ שִׁיק אֵייךְ אַ תְּפִילָּה וָואס אִיר זָאלְט בֶּעטְן יֶעדְן טָאג:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעבּוֹירְן גְרִינְג אַ גֶעזוּנְט קִינְד בְּרַמַ"ח אֵיבָרִים וּשְׁסָ"ה גִּידִים און אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דִי אַלֶע טֶעג וָואס אִיךְ וַוארְט - גְרִינְגֶערְהֵייט. נֶעם אַוֶועק פון מִיר אַלֶע מִינֵי עַיִן הָרַע׳ס אַז קֵיינֶער זָאל מִיר נִישְׁט קֶענֶען שֶׁעדִיגְן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן טוּן דַיין וִוילְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג טוּן נָאר גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ וֶועסְט הָאבְּן פון דֶעם אַ נַחַת רוּחַ. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נֶעם אָן מַיין תְּפִלָּה און הֶעלְף מִיר שׁוֹין אִין זְכוּת פון אַלֶע צַדִיקִים, וּבִפְרַט אִין דִי זְכוּת פון הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ און אִין זְכוּת פון רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֵם זְאֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעמַאכְט דִי תְּפִלָּה, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ יְ"יָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

...

~~~~~~~~~~

נִישְׁט אַרוֹיפְצִיעֶן דִי פְּרַייז פון דִירוֹת אִין שְׁטֶעטְל.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ב חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים וָואס וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל הי"ו.

אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דָא וָואס קוֹיפְן דִירוֹת פון דִי גוֹיִם הֶעכֶער דִי פְּרַייז וָואס מִיר הָאבְּן בַּאשְׁטִימְט מִיט דִי חַבְרֵי הַנְהָלָה, און מִיט דֶעם צִיעֶן זֵיי אַרוֹיף דִי פְּרַייזְן, (דִי וָואךְ אַלֵיינְס זֶענֶען פַארְקוֹיפְט גֶעוָוארְן אַפָּאר דִירוֹת פַאר הֶעכֶער דִי פְּרַייז).

וְוייל אִיךְ עֶנְק בֶּעטְן מַיינֶע טֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים שֶׁיִּחְיוּ אִיר זָאלְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן וֶוערְן, אִיר זָאלְט בְּשׁוּם אֵין אוֹפֶן נִישְׁט קוֹיפְן אָדֶער דִינְגֶען פַאר מֶער פון דִי פְּרַייז וָואס מִיר הָאבְּן בַּאשְׁטִימְט, און אַלֶע וָואס קוֹיפְן פַאר טֵייעֶר וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען מַאכְן אוֹיף אוּנְזֶער חֶשְׁבּוֹן גֶעלְט; מֶען זָאל זֵיי לָאזְן שְׁטֵיין לֵיידִיג בִּיז זֵיי וֶועלְן דָאס דַארְפְן פַארְקוֹיפְן אָדֶער פַארְדִינְגֶען לוֹיט דִי פְּרַייז וָואס דִי חַבְרֵי הַנְהָלָה בַּאשְׁטוּמֶען.

אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט טוּן מַיין רָצוֹן, אִיר וֶועט מִיר הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דֶעם שְׁטֶעטְל מֶען זָאל קֶענֶען לֶעבְּן דָארְט רוּאִיג אָן חוֹבוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.
~~~~~~~~~~

...

וֶוער עֶס ווִיל קוֹיפְן אָדֶער דִינְגֶען אַ דִירָה אוּן זַיין אַ חֵלֶק אִין דִי קְהִלָּה דַארְף רֶעדְן מִיט דִי אִינְגֶעלַייט: ...., ...., ... אוּן ...

~~~~~~~~~~

## הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ״ב חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ הִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר מָרַת ... תִּחְיֶ׳; הָאטְס קַיין מוֹרָא נִישְׁט פוּן ... עֶר קֶען אַייךְ גָארְנִישְׁט טוּן. עֶר קֶען נָאר דֶערְשְׁרֶעקְן, אוּן אָךְ אוּן וֵויי אַז מֶען ווערְט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן אַ בָּשָׂר וָדָם.

גֶעדֶענְקְטְס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אַייךְ, הָאטְס קַיין מוֹרָא נִישְׁט; אוֹיבּ מֶען וֶוערְט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן מֶענְטְשְׁן וְכוּ׳ אִיז בִּיטֶער, אָבֶּער אַז מֶען גֶעדֶענְקְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ, דֶעמָאלְט פַאלְן אַוֶועק אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ הִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס, עֶס זָאל זַיין יִתְפָּרְדוּ כָּל פּוֹעֲלֵי אָוֶן.

...

~~~~~~~~~~

## מַאךְ נִישְׁט קַיין חוֹבוֹת, מַאךְ פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ו חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ נֶעמֶען אַן הַלְוָאָה וְכוּ׳; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן מו): "מִי שֶׁרוֹצֶה לָשׁוּב, יִזָּהֵר מִלִּהְיוֹת בַּעַל חוֹב", וֶוער עֶס ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן הָאבְּן חוֹבוֹת; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קכב): "וּמוּטָב שֶׁיִּהְיֶה בַּעַל חוֹב לְעַצְמוֹ אוֹ לִבְנֵי בֵּיתוֹ בְּמַלְבּוּשִׁים מִלִּהְיוֹת בַּעַל חוֹב לְהַחֶנְוָנִי אוֹ לַאֲחֵרִים", אַ מֶענְטְשׁ זָאל עֶנְדֶערְשׁ זַיין אַ בַּעַל חוֹב פַאר זִיךְ אַלֵיין ווִי צוּ זַיין אַ בַּעַל חוֹב פַאר אַ צְוֵוייטְן; אַז דוּ דַארְפְסְט יֶעצְט הָאבְּן פִינְף טוֹיזְנְט דָאלֶער זָאלְסְטוּ נִישְׁט נֶעמֶען אַן הַלְוָאָה נָאר זָאלְסְט גֵיין נָאךְ גֶעלְט וֶועסְטוּ בִּיז אַפָּאר טֶעג מַאכְן דִי גַאנְצֶע סְכוּם.

בְּנוֹגֵעַ דַיין קִינְד וָואס קֶען נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן וְכוּ׳; אַסַאךְ קִינְדֶער הָאבְּן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם, בְּעִיקָר קְלוּגֶע שַׁארְפֶע קִינְדֶער הָאבְּן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם וֶוען זֵייעֶר מֹחַ לוֹיפְט אִין מַחְשָׁבוֹת וְכוּ׳. זֶע אַז דַיין קִינְד זָאל לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע פַארְ'ן גֵיין שְׁלָאפְן, לֶערְן אִים אוֹיס עֶר זָאל קִישְׁן דִי מְזוּזָה פַארְ'ן גֵיין אִין בֶּעט אוּן בֶּעטְן בַּיי דִי מְזוּזָה עֶר זָאל הָאבְּן גוּטֶע חֲלוֹמוֹת אוּן גוּטֶע מַחְשָׁבוֹת וֶועט עֶר קֶענֶען גוּט אַיינְשְׁלָאפְן.

בְּנוֹגֵעַ דַיין וַוייבּ וְכוּ׳; דָאס וֶוענְדְט זִיךְ אִין אִיר, אַ שָׁאד זִי זָאל לֶעבְּן אוּנְטֶער אַ מַאסְקֶע, אַ שָׁאד זִי זָאל זִיךְ פַּיינִיגְן וְכוּ׳; זַיי אִיר מְחַזֵּק זִי זָאל אוֹיסְטוּן אִיר מַאסְק אוּן אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן נַאטוּרְלִיךְ אַזוֹי ווִי אִיר עֶכְטֶע וֶועג אִיז. זִי זָאל נָאר טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר גֶעפֶעלְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ שָׁאד צוּ בְּלָאפְן אוּן פָּאפְּן מֶענְטְשְׁן וֶוען דִי מֶענְטְשְׁן קֶענֶען גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן אוּן גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

וֶועגְן אִיר טַאטֶע זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; זִי זָאל מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער עַל דֶרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַיִּרְאָה וֶועט דָאס זַיין לְטוֹבַת נִשְׁמָתוֹ. אַז זִי הָאט אִים מוֹחֵל גֶעוֶוען אִיז גוּט, זִי דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן וְכוּ׳.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳; זֶע עֶס זָאל זַיין פְּרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּבּ, דָאס אִיז דֶער עִיקָר, עֶס זָאל זַיין שִׂמְחָה אִין שְׁטוּבּ; דָאס אִיז דַיין אַרְבֶּעט, וֶוען דוּ קוּמְסְט אַהֵיים זָאלְסְטוּ טַאנְצְן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער; צִינְד אָן מוּזִיק אוּן טַאנְץ נִיגוּנִים פוּן תּוֹדָה וְהוֹדָאָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַז עֶס אִיז דָא שִׂמְחָה אִין שְׁטוּבּ דֶעמָאלְט הָאט מֶען הַצְלָחָה, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת שִׂמְחָה, חֵלֶק ב׳, סִימָן א): "מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד, עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ", וֶוער עֶס אִיז פְּרֵיילִיךְ אִיז מַצְלִיחַ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

אָנְצִינְדֶען פַאר דִי קִינְדֶער נָאר עֶרְלִיכֶע טֶעיפְּס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ו חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.

אַזוֹי ווִי דוּ הָאסְט אִיבֶּער גֶענוּמֶען דִי טְרֶענְסְפָּארְטֶעישְׁן פוּנֶעם מוֹסָד, בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט רֶעדְן צוּ אַלֶע דְרַייוֶוערְס זֵיי זָאלְן נִישְׁט אָנְצִינְדְן קַיין שׁוּם מוּזִיק נָאר עֶרְלִיכֶע הֵיימִישֶׁע זִינְגֶערְס.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א׳, סִימָן ג): "מִי שֶׁשּׁוֹמֵעַ נְגִינָה מִמְּנַגֵּן רָשָׁע,
~~~~~~~~~~

קָשֶׁה לוֹ לַעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא, וּכְשֶׁשּׁוֹמֵעַ מִמְּנַגֵּן כָּשֵׁר וְהָגוּן, אֲזַי טוֹב לוֹ", װער עֶס הֶערְט נִיגוּנִים פוּן אַ נִישְׁט עֶרְלִיכֶע זִינְגֶער װעט אִים אָנְקוּמֶען שְׁװֶער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, װידֶער אוֹיבּ הֶערְט מֶען נִיגוּנִים פוּן אַן עֶרְלִיכְן זִינְגֶער װעט עֶס אִים צוּהֶעלְפְן צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. גְעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז הַיינְט אִיז דָא סִידִי׳ס פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, װָאס זִינְגֶען חֲסִידִי׳שֶׁע וַוארִימֶע נִיגוּנִים, דָאס מֶעג מֶען אָנְצִינְדְן פַאר דִי קִינְדֶער.

אוֹיךְ אִיז דָא הַיינְט אַסַאךְ מַעֲשֶׂה טֶעיפְּס פוּן עֶרְלִיכֶע מַגִּידִים װִי זֵיי דֶערְצֵיילְן דִי פַּרְשָׁה אָדֶער מַעֲשִׂיוֹת פוּן נַ"ךְ אוּן פוּן חֲזַ"ל - דָאס זָאלְסְטוּ אָנְצִינְדְן פַאר דִי קִינְדֶער; קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר רֵיין אוּן מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זֵיי אַז זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

דָאס בֶּעסְטֶע אִיז אַז דוּ זָאלְסְט אָנְגְרֵייטְן אוֹיפְ׳ן בָּאס אוּן אִין יֶעדֶע װֶען אַ קָאלֶעקְשְׁן פוּן נִיגוּנִים אוּן מַעֲשִׂיוֹת װָאס נָאר דָאס קֶען מֶען אָנְצִינְדְן בִּשְׁעַת מֶען טְרָאגְט אוּן מֶען בְּרֶענְגְט דִי קִינְדֶער.

אִין דֶעם זְכוּת װָאס דוּ הֶעלְפְּסְט דִי מוֹסָד זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין בְּקָרוֹב צוּ װֶערְן אַ חָתָן, אוֹיפְשְׁטֶעלְן שֵׁיינֶע לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

...

~~~~~~~~~~

מִשְׁנָיוֹת רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - א׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ו חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.

אַז דוּ װִילְסְט בֶּאֱמֶת אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דַיינֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן, זָאלְסְטוּ טוּן װָאס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט), מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת, דָאס װֶעט דִיר אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, װֶען מֶענְטְשְׁן װָאלְטְן גֶעװִיסְט װָאס מִשְׁנָיוֹת טוּט מִיטְ׳ן מֶענְטְשׁ, װָאלְטְן אַלֶע עוֹסֵק גֶעװֶען אִין לִימוּד מִשְׁנָיוֹת; מִשְׁנָיוֹת רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, "מִשְׁנָה" אִיז דִי אוֹתִיוֹת "נְשָׁמָה", דוּרְךְ מִשְׁנָיוֹת אִיז מֶען זִיךְ מְשַׁנֶּה אִינְגַאנְצְן, מֶען װֶערְט רֵיין. מִשְׁנָיוֹת הָאט אַ סְגוּלָה אַז עֶס שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע בְּלָאטֶע, דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן מִשְׁנָה אִיז (תְּהִלִּים ל, ד): הֶ׳עֱלִיתָ מִ׳ן שְׁ׳אוֹל נַ׳פְשִׁי, אַז מֶען זָאגְט מִשְׁנָיוֹת נֶעמְט עֶס אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע שְׁמוּצִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער װאוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז רַחֲמָנָא לִצְלָן אַרֵיין גֶעפַאלְן.
~~~~~~~~~~

קוּק נִישְׁט אוֹיף לֵצִים, דִי וָואס שְׁפֶּעטְן אָפּ פוּנֶעם דֶרֶךְ הַלִימוּד (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), גֶעדֶענְק וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי ט, יב): "אִם חָכַמְתָּ - חָכַמְתָּ לָּךְ", אוֹיבּ בִּיסְטוּ קְלוּג - בִּיסְטוּ קְלוּג פַאר דִיר, "וְלַצְתָּ - לְבַדְּךָ תִשָּׂא", אוּן אוֹיבּ מַאכְסְטוּ לֵיצָנוּת - מַאכְסְטוּ פוּן דִיר אַלֵיינְס לֵיצָנוּת; וֶוען אֵיינֶער מַאכְט לֵיצָנוּת פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, מַאכְט עֶר נִישְׁט לֵיצָנוּת פוּן רֶבִּי'ן, עֶר מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן זִיךְ אַלֵיינְס. וַוייל וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דֶער מַלְאָךְ מִיט דִי טוֹיזְנְט אוֹיגְן אוּן אִים אַהֵיים רוּפְן וֶועט גָארְנִישְׁט נוּצְן; עֶר וֶועט קֶענֶען שְׁרֵייעֶן אוּן וֵויינֶען אָבֶּער עֶר וֶועט אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט נַאקֶעט, עֶר וֶועט נִישְׁט וִויסְן וָואס צוּ טוּן פַאר בּוּשָׁה וֶוען מֶען וֶועט אִים פְּרֶעגְן: "עֲרֹךְ מִקְרָא שֶׁקָרִיתָ"; "עֲרֹךְ מִשְׁנָה שֶׁשָּׁנִיתָ"; עֶר וֶועט בְּלַייבְּן מִיט אַן אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעקְטֶע צִינְג, וִוידֶערְאוּם דֶער וָואס הָאט יָא גֶעפָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן גֶעלֶערְנְט פְלַייסִיג אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, בַּיי אִים וֶועט זַיין (מִשְׁלֵי לא, כה): "וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן" - עֶר וֶועט לַאכְן בַּיים לֶעצְטְן טָאג.

שַׁבָּת בִּין אִיךְ נִישְׁט דָא גֶעוֶועןְ, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל; אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט דָארְט, אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~~

**וֶוען דָאס קִינְד שְׁמֵייכְלְט זִיךְ אוּנְטֶער, מֵיינְט דָאס נִישְׁט חוּצְפָּה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ז חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ', טִיטְשֶׁער אִין בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

וֶוען אַ תַּלְמִידָה שְׁמֵייכְלְט זִיךְ אוּנְטֶער מֵיינְט עֶס נִישְׁט חוּצְפָּה; עֶס אִיז זֵייעֶר גְרִינְג צוּ מַאכְן יֶעדֶע תַּלְמִידָה פַאר אַ מְחֻצֶּפֶת, אָבֶּער וֶוען מֶען קוּקְט מִיט אַן אֱמֶת זֶעט מֶען אַז אִין רוֹב פֶעלֶער אִיז נִישְׁט קַיין חוּצְפָּה, בִּפְרַט וֶוען אַ קִינְד שְׁמֵייכְלְט זִיךְ אוּנְטֶער וֶוען דִי טִיטְשֶׁער שְׁרֵייט וְכַדוֹמֶה, מֵיינְט עֶס רוֹב מָאל נִישְׁט חוּצְפָּה. עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס זֵייעֶר רִיעֶקְשְׁן אִיז אַז אַנְשְׁטָאט וֵויינֶען שְׁמֵייכְלֶען זֵיי.

גֶעדֶענְק, קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער; מֶען דַארְף הָאבְּן צוּ זֵיי אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוּן קוּקְן אוֹיף זֵיי מִיט אַ גוּט אוֹיג. וֶוען קִינְדֶער שְׁפִּירְן דִי לִיבְּשַׁאפְט פוּן זֵייעֶר טִיטְשֶׁער וֶועלְן זֵיי אַלֶעס טוּן וָואס דִי טִיטְשֶׁער זָאגְט.

דוּ הָאסְט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז דוּ הָאסְט אַ תַּלְמִידָה וָואס כַאפְּט שְׁוֶוער אוֹיף דִי עִבְרִי, אוּן בְּשַׁעַת דוּ הָאסְט גֶעהַאט אַ נִסָּיוֹן פוּן אַ קְלֵייד וָואס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי צְנִיעוּת'דִיג
~~~~~~~~~~~

הָאסְטוּ שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעזָאגְט פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ טוּ נִישְׁט אָן דִי קְלֵייד וָואס אִיז נִישְׁט אַזוֹי צְנִיעוּת׳דִיג וּבִזְכוּת דֶעם זָאלְסְטוּ הֶעלְפְן מַיין תַּלְמִידָה זִי זָאל פַארְשְׁטֵיין אוּן אוֹיפְכַאפְּן דִי עִבְרִי", אוּן זַייט דִי מַעֲשֶׂה הָאט דִי תַּלְמִידָה אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיפְכַאפְּן גְרִינְגֶער דִי עִבְרִי. דִי מַעֲשֶׂה הָאט מִיר זֵייעֶר בַּאנוּמֶען, צוּ זֶען וִוי דוּ לֶעבְּסְט מִיט דַיינֶע תַּלְמִידוֹת, עֶס גֵייט דִיר בֶּאֱמֶת אָן אַז זֵיי זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין אוּן פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, אַז דוּ בִּיסְט גְרֵייט בַּייצוּשְׁטֵיין נִסְיוֹנוֹת פַאר זֵייעֶר הַצְלָחָה.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הָאבְן אַזַא טִיטְשֶׁער בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד.

...

~~~~~~~~~~

דִי קִינְדֶער זָאלְן מִיט הַאלְטְן דֶעם שַׁבַּת סִיוּם הַשַּׁ"ס.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ב׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ז חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל גְמָרָא; אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין קָאפּ צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס דִי גְמָרָא זָאגְט, זָאלְסְטוּ אוֹיךְ לֶערְנֶען גְמָרָא. זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת; דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט דִי הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים וָואס זֶענֶען דִי מֶרְכָּבָה פַארְ׳ן שְׁכִינָה, גְמָרָ"א אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: מִ׳יכָאֵל, גַ׳בְרִיאֵל, רְ׳פָאֵל, אוּ׳רִיאֵל; וֶוען מֶען לֶערְנְט גְמָרָא וֶוערְט מֶען אַ מֶרְכָּבָה פַאר דִי שְׁכִינָה.

גְמָרָא וֶועט דִיר רֵיינִיגְן פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א, סִימָן ריד): "תַּלְמוּד" גִימַטְרִיָא שְׁמָהּ שֶׁל הַקְּלִפָּה הַמַּחְטִאת אֶת הָאָדָם בִּפְגַם הַבְּרִית שֶׁנִּקְרֵאת "לִילִית", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט גְמָרָא פַארְבְּרֶענְט עֶר אַלֶע קְלִפּוֹת וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן; הַיינְט אִיז דֶער דַף גְמָרָא מַסֶּכֶת נִדָּה דַף לג, אַ שָׁאד דוּ זָאלְסְט נִישְׁט מִיט פָארְ׳ן מִיטְ׳ן בַּאן אוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תּוֹרָה, מִיר גֵייעֶן שׁוֹין מַאכְן יֶעצְט אַ סִיוּם אוֹיף גַאנְץ שַׁ"ס.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ וֶועסְט מִיט הַאלְטְן דֶעם שַׁבַּת סִיוּם הַשַּׁ"ס וָואס וֶועט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם פָארְקוּמֶען פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, וואוּ מִיר אַלֶע תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ וֶועלְן זִיךְ צוּזַאמְנֶעמֶען אוֹיף אַ שַׁבַּת הִתְוַעֲדוּת, זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אֵיינֶער מִיטְ׳ן צְוֵוייטְן, מִיר וֶועלְן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר וֵוייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, מִיר וֵוייסְן פוּן זַיינֶע עֵצוֹת וִוי אַזוֹי מֶען קֶען לֶעבְּן אַ גוּט לֶעבְּן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.
~~~~~~~~~~

בְּרֶענְג מִיט דַיינֶע קִינְדֶער צוּם שַׁבָּת; דֶער עִיקָר אִיז דָאךְ פַאר דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זֶען צוּ וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג תּוֹרָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בֵּיצָה טז.): "כָּל מְזוֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם קְצוּבִים לוֹ מֵרֹאשׁ הַשָּׁנָה וְעַד יוֹם הַכִּפּוּרִים", רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ וִויפִיל גֶעלְט דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט הָאבְּן דֶעם יָאר, "חוּץ מֵהוֹצָאַת שַׁבָּתוֹת, וְהוֹצָאַת יָמִים טוֹבִים", חוּץ וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְּן פַאר שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב, "וְהוֹצָאַת בָּנָיו לְתַלְמוּד תּוֹרָה", אוּן חוּץ וָואס מֶען גֶעבְּט אוֹיס פַאר דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען תּוֹרָה, דָאס וֶוענְדְט זִיךְ שׁוֹין אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס, "שֶׁאִם פָּחַת פּוֹחֲתִין לוֹ, וְאִם הוֹסִיף מוֹסִיפִין לוֹ", אוֹיב שְׁפָּארְט מֶען וֶועט מֶען בַּאקוּמֶען וֵוייניגֶער אוּן אוֹיב גֶעבְּט מֶען אוֹיס גֶעלְט וֶועט מֶען אִים מוֹסִיף זַיין, דֶעם "שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ - שַׁבָּת סִיּוּם הַשַּׁ"ס" אִיז אִינֶעם כְּלַל פוּן "הוֹצָאַת בָּנָיו לְתַלְמוּד תּוֹרָה". וואוּ מֶען וֶועט פֵייעֶרְן אַ "שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ", אוּן "שַׁבָּת סִיּוּם הַשַּׁ"ס", אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ"ס; דָאס וֶועט אַרֵיינְגֶיין אִין דִי קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען שַׁ"ס.

שַׁבָּת וֶועט אִם יִרְצֶה ה' זַיין אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שִׁיעוּר פַאר דִי קִינְדֶער זֵיי אוֹיפְצוּפְלַאקֶערְן זֵיי זָאלְן אוֹיךְ אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען שַׁ"ס.

מָארְגְן וֶועט זַיין אַ פְּרוּיעֶן צוּזַאמְקוּם, זֶע צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּב אַז דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' זָאל קֶענֶען קוּמֶען זִיךְ מְחַיֶ' זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

**שְׂכַר לִימוּד אִיז נִישְׁט קַיין צְדָקָה, עֶס אִיז אַ חוֹב פַאר עֶלְטֶערְן צוּ צָאלְן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ח חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז דוּ פְּלָאגְסְט זִיךְ, דוּ גֵייסְט יֶעצְט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן וְכוּ', אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ וְכוּ'; אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ וֶוערְט גֶע'פַּסְקֶ'נְט (יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רנו) אַז וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט קֶען גֵיין קְלֵייבְּן צְדָקָה פַאר זִיךְ; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין בּוּשָׁה צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט, אַ בּוּשָׁה אִיז אַז מֶען צָאלְט נִישְׁט קַיין רֶענְט, אַ בּוּשָׁה אִיז אַז מֶען בָּארְגְט אוּן מֶען בַּאצָאלְט נִישְׁט, וָואס דֶעמָאלְט וֶוערְט מֶען אָנְגֶערוּפְן אַ רָשָׁע, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים לז, כא): "לֹוֶה רָשָׁע וְלֹא יְשַׁלֵּם".
~~~~~~~~~~

עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ 'נִישְׁט צָאלְן שְׂכַר לִימוּד'; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען קֶען צָאלְן צוּבִּיסְלֶעךְ. מֶען דַארְף צָאלְן 'שְׂכַר לִימוּד', אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט קֶען מֶען אַרוֹיפְגֵיין אוֹיף דִי שְׁטָאטִישֶׁע פְּרָאגְרַאם פוּן "וַואוּטְשֶׁערְס", וָואס זֵיי הֶעלְפְן צָאלְן שְׂכַר לִימוּד. מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז שְׂכַר לִימוּד אִיז אַ נְדָבָה זַאךְ, מֶען קוּקְט דָאס אָן ווִי גֶעבְּן צְדָקָה; דָאס אִיז אָבֶּער נִישְׁט אַזוֹי, שְׂכַר לִימוּד אִיז נִישְׁט קַיין צְדָקָה, שְׂכַר לִימוּד אִיז אַ חוֹב פַאר עֶלְטֶערְן צוּ צָאלְן, אוֹיבּ מֶען צָאלְט דָאס נִישְׁט אִיז עֶס גְנֵיבָה וּגְזֵילָה. חוּץ פוּן דֶעם וָואס בְּדֶרֶךְ כְּלַל קֶענֶען מוֹסְדוֹת נִישְׁט בַּאצָאלְן דִי מְלַמְּדִים צַייטְלִיךְ וַוייל דִי עֶלְטֶערְן מַאכְן זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג וֶוען מֶען בֶּעט שְׂכַר לִימוּד.

וֶוער לַיידְט פוּן דֶעם? דִי קִינְדֶער; וַוייל דֶער מְלַמֵּד זִיצְט אִין כִּתָּה, אוּן אַנְשְׁטָאט עֶר זָאל זַיין רוּאִיג אוּן ווִיסְן בַּיי זִיךְ אַז עֶר גֵייט בַּאקוּמֶען זַיין גֶעהַאלְט סוֹף וָואךְ אוּן עֶר גֵייט קֶענֶען דֶעקְן זַיינֶע הוֹצָאוֹת וְכוּ', אַזוֹי קֶען עֶר זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אַנְשְׁטָאט דֶעם וֶוערְט עֶר נֶעבֶּעךְ נֶערְוֶועז פוּן זַיינֶע חוֹבוֹת אוּן עֶר אִיז נִישְׁט רוּאִיג אִין כִּתָּה; הֵייבְּט עֶר אָן שְׁרֵייעֶן, אוּן אַסַאךְ מָאל קֶען זִיךְ אֲפִילוּ מַאכְן אַז עֶר פַארְשֶׁעמְט קִינְדֶער וְכוּ'.

אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט זָאלְסְטוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט אוּן אַרַיין בְּרֶענְגֶען פַאר'ן מוֹסָד דָאס גֶעלְט צוּבִּיסְלֶעךְ; מִיר וֶועלְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ ווִיסְנְדִיג מַאכְן אוּן צָאלְן צוּבִּיסְלֶעךְ, עֶס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט צוּ זַיין שוּלְדִיג אַזוֹי סַאךְ גֶעלְט וֶוען מִיר מוּטְשֶׁען זִיךְ צוּ קֶענֶען צָאלְן דִי מְלַמְּדִים אוּן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

~~~~~~~~~~

**פַארְוָואס גֵייט דִיר אַלֶעס שְׁוֶוער?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ח חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ ווֵייס נִישְׁט וֶוער דוּ בִּיסְט, אָבֶּער עֶס קוּמְט דִיר אַסַאךְ קְרֶעדִיט אַז דוּ הָאסְט זִיךְ אַזוֹי שֵׁיין דֶערְהַאלְטְן. מִיט אַלֶע דַיינֶע שְׁוֶוערֶע מַצָּבִים וָואס דוּ בִּיסְט אַרִיבֶּער אוּן וָואס דוּ גֵייסְט נָאךְ אַלְץ אַרִיבֶּער טָאג אַיין טָאג אוֹיס, מִיט דֶעם אַלֶעם הַאלְסְטוּ אַזוֹי שֵׁיין דַיין שְׁטוּב, דוּ בּוֹיסְט דַיין שְׁטוּב צוּזַאמֶען מִיט דַיין אֵשֶׁת חַיִל מִיט דַיינֶע זִיבְּן קִינְדֶערְלֶעךְ.
~~~~~~~~~~

דָאס וָואס דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט פַארְוָואס אַלֶעס גֵייט דִיר אַזוֹי שְׁוֶוער; דוּ שְׁפִּירְסְט נִישְׁט וִוי מֶען הֶערְט אוֹיס דַיינֶע תְּפִילּוֹת אוּן גֶעבֶּעטְן, דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי מֶען שְׁטוּפְּט דִיר אַוֶועק, דוּ טַאפְּסְט אַ וַואנְט וְכוּ׳; וְוִיסְן זָאלְסְטוּ אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי עֶנְטְפֶערְט דַיין פְּרַאגֶע, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן מח): "כְּשֶׁאָדָם נִכְנָס בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם אֲזַי הַדֶּרֶךְ שֶׁמַּרְאִין לוֹ הִתְרַחֲקוּת, וְנִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ מִלְמַעְלָה וְאֵין מַנִּיחִין אוֹתוֹ כְּלָל לִכָּנֵס לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", אַזוֹי גֵייט עֶס וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר שְׁפִּירְט וִוי קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט, "וּבֶאֱמֶת כָּל הַהִתְרַחֲקוּת הוּא רַק כֻּלּוֹ הִתְקָרְבוּת", אָבֶּער דָאס אִיז נָאר אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען וִויל דֶערְנֶענְטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיב דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, דֶעמָאלְט וֶועט עֶר אַלֶעס אַרִיבֶּער גֵיין אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת וָואס זֶענֶען נָאר פַארְהַאן.

דָאס אִיז דַיין שֵׁיינְקֵייט אוּן דָאס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקנה): "דוּ וֵוייסְט וֶועם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ גֶעפְּרֶעגְלְטְן אִיד"; אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, עֶר גֵייט נִישְׁט אַוֶועק פוּן דִי אֱמוּנָה אַזַא אֵיינֶער אִיז בַּאלִיבְּט אוֹיבְן אִין הִימְל.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כּחוֹת, לָאז נִישְׁט אָפּ הִתְבּוֹדְדוּת; זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיינֶע תְּפִילּוֹת וּבַקָּשׁוֹת בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר.

...

~~~~~~~~~~

### זַיי מְחַזֵק דַיין מַאן עֶר זָאל קוּמֶען צוּ דִי שִׁיעוּרִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ח חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּענְטְשׁ אַייךְ אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רוּעֶן בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ.

דַיין מַאן נֵרוֹ יָאִיר אִיז שׁוֹין זֵייעֶר לַאנְג נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ דִי שִׁיעוּרִים, אַ שָׁאד אַז עֶר קוּמְט נִישְׁט זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דִי זִיסֶע לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, בִּפְרַט דִי עֵצוֹת אִין שָׁלוֹם בַּיִת; וֶוער עֶס נֶעמְט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן דֶער לֶעבְּט אַ זִיסֶע לֶעבְּן, אַ גַן עֵדֶן לֶעבְּן.

זַיי מְחַזֵק דַיין מַאן נֵרוֹ יָאִיר עֶר זָאל קוּמֶען צוּ דִי שִׁיעוּרִים; אִיךְ וֶועל אִים מְחַזֵק זַיין
~~~~~~~~~~

עֶר זָאל וויסְן ווי אַזוֹי זיך צוּ פִירְן מִיט אַייך. זָאג אִים אַז אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט עֶר דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן מִיר, אִיךְ וֶועל אִים זֵייעֶר מְקָרֵב זַיין.

אַ גְרוּס פוּן דַיינֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר ווֹאוֹיל אִין חֶדֶר אוּן אִין סְקוּל.

...

~~~~~~~~~~

## נִישְׁט לֵיינֶען קֵיין מַאגַאזִינֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ח חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אוֹיף וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ פָאלְגְסְט מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, דוּ לֵיינְסְט נִישְׁט קֵיין שׁוּם מַאגֶעזִין, נִישְׁט קֵיין חִילוּק הֵיימִישֶׁע, נִישְׁט הֵיימִישֶׁע, אָדֶער לְהַבְדִיל גוֹי׳שֶׁע; דוּ נֶעמְסְט עֶס נִישְׁט אַרַיין אִין דַיינֶע הֶענְט.

ווֹאוֹיל אִיז דֶעם וָואס הָאט אַ צַדִיק אוּן פָאלְגְט אִים מִיט יֶעדֶע זַאךְ, בִּפְרַט מִיט זַאכְן וָואס הָאט צוּ טוּן מִיט יְסוֹדוֹת אִין לֶעבְּן, יְסוֹדוֹת אִין אִידִישְׁקֵייט, אוּן לֵיינְט נִישְׁט קֵיין שׁוּם צַייטוּנְג אוּן קֵיין שׁוּם מַאגֶעזִין; אַזוֹי וֶועט עֶר זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דוּרְכְאוֹיס שַׁבָּת וֶוען דוּ הָאסְט צַייט זָאלְסְטוּ אָדֶער זָאגְן תְּהִלִּים, אָדֶער לֵיין אַשֶׁר בַּנַּחַל, דִי שֵׁיינֶע בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוּנְז גֶעשְׁרִיבְּן אוּנְז צוּ מְחַזֵק זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

~~~~~~~~~~